STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00821

A REGNBOYGN IBER GRENETSN

Moses Schulstein

Permanent preservation of this book was made possible
by Rita Goodman
in memory of
Arnold Goodman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

א רעגנבויגן איבער גרענעצן

תיקון טעות

אויף ז׳ 286 דאַרף אַרויספאַלן די צווייטע שורה פון אויבן און עס דאַרף זיך לייענען אַזוי: ער האָפט אויפמאָנען אַ סך געלט, גאָר אַ סך געלט. נאָר מחמת ער האָט נישט אַ גראָשן ביי דער נשמה האַלט ער זיך אויף לעת־עתה ביי מיר **אאַז״ו.**

משה שולשטיין

א רעגנבויגן איבער גרעגעצן

לידער און פאעמעס

יידישע פאלקס - ביבליאטעק

פאריז 1950

הילע פון מ. באהעלפער
ציי‏כענונג פון יעקב מארקיעל

M. SCHULSTEIN
A REGHNBOÏGHN
IBER GRENETZN

ארויסגעגעבן דורכן פאריין פון פוילישע יידן אין פראנקרייך
אדרעס פון פארלאג :
Ass. J.F.O.P. 14, rue de Paradis, PARIS-10e

Imprimerie Abécé, 11, rue Louis-Blanc - Paris 10e

אומקער אין פוילן

1

אין וועג

געבוירן־לאַנד, איך בין אַמאָל
אין איילעניש פון דיר אַנטרונען,
באַשירעמט האָט די נאַכט, ס׳זאָל מיך
קיין שום בייז אויג דיינס נישט געפינען...

ווי אין אַ קלומיקל פאַרפאַקט,
האָב איך פאַרמאַכט אין מיין זכרון
דעם אויסזען פון מיין טאַטנס שטוב,
דערינערונגען, מענטשן, יאָרן.

מיט אַלע ליבסטע האָב איך גיך
זיך אָפּגעזעגנט בחפזון.
דער חותם פון מיין מאַמעס טרער
האָט נאָך מיין פנים נישט פאַרלאָזן.

וואָלט איך געוווסט צו זאָגן דאַן,
אַ זיי־געזונט אויף אַלע צייטן,
ווען קיינער, חוץ די נאַכט, האָט נישט
געטאָרט מיך צו דער באַן באַגלייטן...

מיר דאכט זיך, יענער מערץ־ווינט קלאַגט
אין קאַלנער מיינעם, אים נאָך הער איך
זינט ווען דער מילכוועג צו דער פרעמד
האָט אָנגעוויזן מיר דעם דרך.

דורך גרענעצן און שוואַרצע נעכט
האָב איך געשוואַרצט דעם ריינעם אמת,
און אונטער ווייסן העמד דאָס האַרץ —
אַ קלומיק לידער און פּאָעמעס.

נאָך קען איך נישט ביז היינט צו טאָג
זיך שענקען וואָס ביי מיין צעשיידן
האָב איך מיין מאַמען פאַלש געטרייסט:
מיר וועלן זיך נאָך זען אין פריידן.

צעשניטן וואָלט איך דיך, מיין צונג,
פאַר אָט־דעם נישט־געוואָלטן ליגן,
פאַר אָפּנאַרן מיין מאַמען דאַן
אויף יענע אוונטיקע שטיגן...

איצט פאַר איך, קער זיך אום אַהיים,
נאָר וווּ וועל איך, מיין היים, דיך טרעפן?
וווּ איז דאָס הויז, וווּ איז די טיר,
וואָס וואָלט זיך איצט פאַר מיר געעפנט?

די הענט, וואָס וואָלטן מיך באַגריסט,
מיט פרייד אויף יעדער שוועל באַגעגנט;
וואָס האָבן זיך אַמאָל מיט מיר
בלויז, כלומרשט, אויף דערווייל געזעגנט?...

איצט פאָר איך ווי אַ גאַנצער לייט,
פאַרפוצט איז מיין וואַגאָן אין סאַמעט
און ציכטיק־ריין, נאָר מיין געמיט
איז טונקל ווי אַ לקוי־חמה.

אין אָרדענונג מיט יעדער מאַכט,
און מיין פּאַספּאָרט איז עכט און כשר,
עס קלינגט דער קעלנער צו דער צייט
און ס׳איז דער אַפּעטיט נישקשה...

נאָר ס׳זיצט אין פיין דער פּאַסאַזשיר,
פאַרטרינקט מיט וויין זיין צער־נסיעה,
אַ זיידענער קראַוואַט פאַרדעקט
דאָס האַרץ, וואָס טראָגט אי טרייסט, אי קריעה.

ער פאָרט צום לאַנד, וווּ אונטער שטויב
פאַרשאָטן ליגן זיינע יאָרן,
און וווּ פאַרוואָלגערט ליגט זיין וויג
און זוכט אַ וועג צו זיין זכרון.

2

גרענעצן

די ערד איז פול מיט גרענעצן און יעדע
פאַרשריבן חשוב איז אין מײַן פּאַספּאָרט,
אויף זײַנע שטעמפּלען — קײלעכדיקע רעדער —
מיט מיר אין אונטערוועגס איראָפּע פאָרט.

דער צוג איז צו אַ גרענעץ אָנגעקומען,
מיר וואַרטן ערגעץ־ווו אויף קײנעמס ערד.
אַ בין קומט־אָן צום פענצטער מיט אַ זשומען, —
ווער ווייסט וווהין, צו וועמען זי געהערט?...

דער צוג האָט אָפּגערוט. באַלד נעמט ער רירן.
דאָס לאַנד געטוישט. נאָך זשומט די זעלבע בין.
עס טוישן זיך די פאַרבן פון מונדירן,
די פעלדער דאָ, ווי דאָרטן, בלײַבן גרין...

ווי דאָרטן, מעלה־גירהן דאָ די קעלבער,
ווי דאָרטן, האַלטן זיי פון גראָז און רו,
דער אַפּעטיט איז דאָ בײַ אונדז דער זעלבער,
ס'איז בלויז געטוישט די קיך און דער מעניו.

עס טוישן זיך מאכלים און באַנקנאָטן,
און ווייטער איז דאָס נייע לאַנד נישט ניי,
די פייגל זינגען אויף די זעלבע נאָטן
און פליען־דורך אַן וויזעס, פראַנק־און־פריי.

די זון פאַרנייגט זיך העפלעך דאָ, ווי דאָרטן,
מיט זעלבער וואַרעמקייט באַגריסט איר שיין,
מאַכט־אויף ביי אונדז די הערצער און פאַספאָרטן
און לייגט איר זיגל־ראָד אויף זיי: אַריין...

3

א רעגנבויגן איבער גרענעצן

פון הימל-ראַנד ביז הימל-ראַנד,
ווו ס׳גרייכן מיינע אויגן,
אַ וווּנדער, זע: פון לאַנד ביז לאַנד
גייט-אויף אַ רעגנבויגן!

זיך אָנגעהויבן אין איין לאַנד
און אויסגעלאָזט אין צווייטן,
גלייך ווי ער וואָלט מיט פולער האַנט
זיין גנאָד אויף זיי פאַרשפּרייטן.

צו ביידן גלייך ער שענקט זיין חן,
צו ד ע ר זייט און צו יענער.
אויב ס׳זענען רעגנבויגנס שיין,
איז ער פון אַלע שענער.

•

ניין, נישט די פייערדיקע רויט
פון גאָט, וואָס שטראָפט די זינדער;
ער בייגט זיך אָן און בעט: „זייט גוט,
זייט גוט, איר מענטשנקינדער!“

„מיט מיינע פּאַסן, בונט — אַ שלל,
כ'פֿאַרבינד איך ווי מיט בענדער,
די פֿאַרבן מײַנע זענען חל
פֿאַר גרענעצן און לענדער".

„איך גרייך אין יעדן לאַנד אַרײַן
כ'האָב אַלע איך פֿאַרבונדן,
עס זאָל נישט מער קיין מבול זײַן
פֿון טרערן, בלוט און וווּנדן".

איך שטיי בײַם פֿענצטער און איך קוק
און גרים דעם רעגנבויגן.
עס פֿאָרט דורך אים אַדורך מײַן צוג
ווי דורך אַ טריאומף-בויגן...

4

איך פאר דורך נירענבערג

איך פֿאָר דורך נירענבערג. הגם איך ווייס,
די ערד איז דאָ אַן ערד ווי אַלע ערדן,
זאָג איך: ביסט חייב, האָסט געגעבן שפּייז
און האָסט געגעבן אַ געלעגער פֿאַרן מערדער.

מיט חידוש פֿרעגט זיך ביי דער שויב מיין בליק:
ווי קען דער הימל דאָ אויך זיין אַ בלאָער?
דאָס לייכטע ווינטעלע פֿאַרטרייב איך אויף צוריק —
מיין הויט וויל פֿון זיין גלעט נישט קענען די הנאה.

גזלניש גלאַנצט פֿון הייזער ס'פֿענצטער־גלאָז,
מיט רוגזה קוקן אַן מיך קרומע דעכער,
און ס'וווּנדערט זיך מיין בליק: ס'איז גרין דאָס גראָז! —
און שרייען ווילט זיך מיר צו יעדן בוים: פֿאַרברעכער!

צו בלומען ווילט זיך זאָגן מיר: פֿאַרוויאַנט!
אויב נישט זאָלט איר פֿאַרוואַנדלען זיך אין שטיינער!
ווי קענט איר וועלן וואַקסן דאָ, אין לאַנד,
וואָס האָט די ערד געוואָלט פֿאַרזייען בלויז מיט ביינער?!

כ׳נעם, נירענבערג, אַוועק ווי פֿון אַ שרץ, מיין געזיכט,
איך וויל נישט פֿון דיין פּרצוף זען די מראה.
העי, בירגער מאַשיניסט, איך בעט דיך: גיך!
דעם צוג פֿאַרשנעלער אויף דער גאַנצער פֿאַרע!

5

א טאנק ביי נירענבערג

ביי נירענבערג נאָך טרעפֿט מען אָן אַ טאַנק,
פֿאַרבליבן אויפֿן פֿעלד ווי אַ פּגירה
וואָס אויך די ראָבן וווייכן זי שוין לאַנג —
ס׳איז נמאס זיי צו פּיקן אין די ביינער אירע...

ער איז צו אונדז געקראָכן אויפֿן בויך
און ממש אויף די גלייכע ווענט געגאַנגען,
געגאַוועט האָט פֿון אים מיט פֿייער און מיט רויך,
געשיפּעט האָבן זיינע קייטן, ווי די שלאַנגען;

פֿאַרגיפֿטן האָט זיך אים געוואָלט מיט זיי די וועלט
און מיט זיין שנוק די ערד אַדורכצושניידן,
נאָר אַ „קאַטיושאַ" האָט אים ערגעץ אָפּגעשטעלט
און אויסגעברענט אים זיינע איינגעווייידן.

מ׳האָט אים אַ קאַליקע געבערענגט אַהער,
מער וועט ער אויף פּאַראַדן שוין נישט גלאַנצן.
ס׳האָט אים געחלומט זיך די גאַנצע ערד,
פֿאַרזינקט ער מיט זיין גאווה איצט אין איר, אינגאַנצן.

און ס'וויכן אים די ראָבן — און מיט רעכט —
עס איבלט זיי פון ראָסט, פון טעם זיין האַרבן.
געמיינט אַ פגר, ערשט ס'איז האַרט און שלעכט,
זי קענען נאָך די שנאָבלען זיך פאַרדאַרבן...

6

א גערמאנישער העלם

דער פוסטער העלם, פאַרוואַלגערט דאָביים פּלויט,
איז גלייך ווי ס׳וואָלט אַ שאַרבן דאָ געלעגן,
וויילביידע זענען זכר פונעם טויט,
אָן איבערבלייב פון גרויזאַמע געשלעגן.

נישט בלויז קיין זשאַווערדיקער שטאָל אין פעלד,
נישט בלויז קיין פוסטער העלם ווי אַלע העלמען —
ער האָט אַמאָל דאָס ליכט פון טאָג פאַרשטעלט,
געהאַנגען איז ער פאַר דער ראיה ווי אַ בעלמע.

דער העלם האָט צו אַ קאָפּ אַמאָל באַלאַנגט,
ווייל אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט דאָ געראָסטעט,
פאַרדעקן פלעגט ער אַ מחשבה, אַ געדאַנק,
וואָס האָט זיך קעגן יעטוועדן געדאַנק פאַרמאָסטן...

ווו איז אַצינד דער קאָפּ? און דער געדאַנק
וואָס איז — אַ שלאַנג, ביי אים — דער נעסט, געלעגן? —
איך וויים, פאַרזונקען זענען זיי שוין לאַנג,
דאָך שרעקט מיך נאָך דער העלם דער פוסטער אונטערוועגנס...

7

דייטשער פּייזאַזש

ווי שלווהדיק און פרידלעך איז די לאַנדשאַפט,
מיט פאַרבן לויטערע ווי ביי וואָן גאָגן.
און דאָס זאָל זיין דאָס אָרט פון גרויל און אימה,
וואָס האָט דעם עקדיש צו מיין האַלדז געטראָגן?...

עס קעמט אַ לאָרעליי די לאָקן אין אַ פענצטער,
עס לופטערט בעטגעוואַנט אַ פרוי אויף אַ ווערענדע,
אַ פרעמדער גריסט צו פרעמדע אונטערוועגנס,
„גריס גאָט" — און גייט זיך ווייטער אין זיין וואַנדער.

די הינער גייען זיך געלאַסן ביי די שטעגן,
עס פירט זיי שטאָלץ דער האָן ווי אַ יעפרייטער,
עס קייען קי, זיי זאָלן קענען שלעפן
די משא פאַרן מענטש — דעם שווערן אייטער.

דאָס פעלד איז גרין און שיין, ווי אַלע פעלדער,
נאָר עפּעס, דוכט מיר, וויל דאָס גראָז פאַרדעקן.
איך וועל אַראָפּ און רייסן גאַנצע הויפנס —
ביז עפּעס וועט די הוילע ערד אַנטפּלעקן... — — —

און שלווהדיק און פרידלעך איז די לאַנדשאַפט,
ווי קיינמאָל וואָלט זיך גאָרנישט דאָ פאַרלאָפן.
נאָר וואָס־זשע האָט אַ דעמערונג פאַרצויגן
מיין בליק, ווי גלאָז וואָס ווערט פון טוי פאַרלאָפן?...

8

דעם ערשטן בוים פֿון היימלאַנד

דעם ערשטן בוים פֿון היימלאַנד
באַגריסן מיינע הענט,
ווי כ׳וואָלט אין אים אַ קרוב
אַ היימישן דערקענט.

גלייך ווי ער וואָלט פֿאַר מיר דאָס
געבוקט זיך צו דער ערד;
ווי כ׳וואָלט אַ „ברוך הבא“
אין זיין געשריי דערהערט. —

כאָטש פֿרעמד און פֿון דער ווייטנס
מיר זענען זיך געזעגנט,
דורך פֿאַלנדיקע שטיינער
האָב איך אים בלויז געזען...

דורך בייזע בילעריען
פֿון אָנגעריימטע הינט
האָב איך געהערט זיין רוישן
פֿון בלעטער און פֿון ווינט.

גערדאַרפט כ'האָב מורא האָבן
צו קוקן אין זיין זייט,
גלייך ווי אַ גרינער טייוול
צום שרעקן מיך ער שטייט.

מיין געסל פלעגט נישט לאָזן
מיך קוקן דאָרט אַהין,
ווייל טריפה איז געווען
די שיינע פאַרב פון גרין...

דאָך פלעגט זיך צו מיין אָטעם
פאַרגנבענען זיין דופט,
ער קומט ביינאַכט צום פענצטער
און פויקט אין שויב און רופט.

מיר זענען נישט געבליבן
קיין שונאים זיך ביז היינט.
קען זיין, מיר קערן אָן זיך
גאָר ווייטע קרובים, פריינט.

מיין בליק פון אים כ'וועל איצטער
נישט אָפקערן, פאַרקערט.
מיר זענען דאָך געוואַקסן
אויף איין און זעלבער ערד.

כ׳דערקען אין אים מיין טאַטן,
וואָס קומט פון דאָרף צוריק
מיט שטעקן פאַר די כלבים
און מיט אַ זעקל גליק...

כ׳דערקען מיין טאַטנס שטעקן
אין זיין צעבליטער צווייג. — — —
צום ערשטן בוים פון היימלאַנד
כ׳באַגרים זיך און פאַרנייג.

דורך אים, אין מיין נסיעה
פון טרויער און פון טרוים,
איך גרים די ווייטע יאָרן,
איך גרים דעם אַלטן בוים.

9

אויף היימישע וועגן

אויף פלאַנטן פון קאַלושקי, טשענסטאָכאָוו, יאַבלאָנע,
ווי אייגן זענען מיר די פּראָסטע לאַסט־וואָגאָנען,

וואָס רוען אָפּ פון לאַנגן שלעפּן זיך און רייזן
אויף דעם געלעגער זייערן פון שטיין און אייזן.

וואָס שטעלט זיך אָפּ מיין בליק? וואָס האָט ער זיך פאַרהאַלטן?
וואָס זוכט ער דאָרט פאַרעקשנט אין די ברעטער־שפּאַלטן?

אָט האָט ער זיך אין זיי, ווי אין מיין צער, פאַרנורעט —
וואַגאָנען, האָט איר נישט געפירט מיין גאַס צו קבורה?

צי זענט איר נישט געווען די מיטות און די ארונס
פון אונדזער קינד־און־קייט, פון אַלע שיינע יאָרן?

האָט איר זיך נישט געשלעפּט אין יאָמער און שגעון,
איר קאַסטנס צוגעמאַכט מיט אונדזערע צוואות?

מיין אָטעם גליט אין אייער יעטוועדער שפּאַרונע,
ווי ער וואָלט עמעצנס אַ טרער נאָך דאָרט געפונען.

מיר דאַכט, ס'איז פול נאָך יעדער שפּאַלט מיט יענעמס ראיה,
וואָס האָט פאַרקליבן זיך נאָך אייער טויט־נסיעה.

מיר דאַכט, ווי מיין געהער וואָלט נאָך געקענט באַנעמען
אַ ווידוי עמעצנס, אַ לעצט געבעט פון ווּעמען,

אַ שטילן גסיסה־קרעכץ, אַ „שמע ישראל" אַ לעצטן,
צי לעצטע קראַפּט פון פויסט אין ברעט אין אויסגעזעצטן. — —

כ'דאַרף אפשר צופאַלן צו אייך און וויינען, וויינען.
וואַגאָנען — ארון־קודשן און אוהלם מיינע.

10

ערגעץ ביי א שיידוועג...

אין פוילן ביי אַ שיידוועג שטייט אַן אַלטער דעמב.
זיין טרויעריקן רוישן, אַ מענטשלעך האַרץ, פאַרנעם.

פון קוילן איז געלעכערט זיין שטאַם, צעפליקט זיין הויט,
מיט אונדזער בלוט געשטעמפּלט נישט לאַנג האָט אים דער טויט.

קדושים פלעגט מען פירן און שטעלן לעבן אים, —
אַריין איז אין זיין רוישן דער צער פון זייער שטים.

איז טרויעריק זיין רוישן, זיין גרינער בלאַט פאַרסמט,
די קוילן-לעכער קוקן מיט אימה פון זיין שטאַם.

אַז ליבערשט וואָלט מען קומען צו אים מיט האַק און זעג,
פאַרקירצן אים די יאָרן, פאַרשניידן אים פון וועג.

ער וואָלט די קלעפּ פאַרנומען, וואָס פאַלן שווער און טעמפּ,
אַנשטאָט דעם מענטשן-יאָמער. אַז ווי צום אַלטן דעמב.

זיין זאַפּט מיט בלוט און מוח פאַרמישט האָט זיך צוזאַם,
צעשמעטערטע חלומות נאָך בלאַנקען אין זיין שטאַם.

עס פלעגן זיך באַלעקן מיט זיי די הינט פון קאַנט.
די קראָ, פון אַלע ביימער, האָט אים צום שבח דערמאַנט.

אַ וואָלקן פלעגט פאַרדעקן דעם שפּיגל־טייך ביים וועג,
אַ נע ונדער פויגל דעם הספד מאַכן פלעגט.

איצט קוקן פון דער קאָרע די קוילן־לעכער באַנג —
די אויגן פון די מתים, וואָס פאָלגן נאָך מיין גאַנג.

און זייערע שוואַרצאַפּלען אין מיינע קוקן שטאַר
און די מחשבות מיינע פאַרפאָלגן ווי אַ גזר.

ווו כ׳זאָל זיך נישט געפינען, איך קוק אין אייך אַריין,
שוואַרצאַפּלען איר, וואָס האָט זיך באַזעצט אין מיין געביין.

דורך יעדן ווינט און רעגן, וואָס מיין געהער פאַרנעמט,
דורך אַלע ביימער הער איך ס׳געוויש פון אַלטן דעמב,

וואָס קלאָגט אין יעדער שפּאָרע פאַרבאָרגן, שטילערהייט,
און ווי אַ שטורעם רוישט ער אין אַלע מיינע רייד.

11

פאר די בגדים פון מאידאנעק

איך גיי צווישן קופעס בגדים — פארבליבענע שאָטנס.
דורך נעט און דורך פאַלדן נאָך הער איך די טויזנטער אָטעמס.

עס קוקן די קנעפּ און די לעכער ווי אויגן פאַרגלייזטע, פאַרלאָשן.
מיין בליק צווישן זיי—אויך אַ קנאָפּ אויף דער טרויער־הלבשה.

כ׳פאַל צו צו די רעק, די כאַלאַטן — די פּראָסטע מלבושים,
איך נעם צו די ליפּן דעם הייליקן שטויב און איך קוש אים.

אַ בגד אויך צווישן די בגדים — איך בלייב אַ פאַרקלעמטער,
איך שוויג, ווי עס שווייגט יעדער איינער פון אייך, אַ פאַרשעמטער.

עס רינגלען אַרום מיך די זיידעס, די פעטערס, די מומעס;
די בורקעס, די קליידלעך — די היימישע ווינטערס און זומערס.

כ׳שטרעק אויס צו אַן אַרבל, אַ פוסטן, אַ „שלום עליכם״,
און כ׳זאָג זיך: פאַרשעם נישט דעם צווייטן, דעם דריטן, נישט ווייך אים.

ערטער, אַ פינפטער — עס שפּאַרן זיך פּאָלעס און עקן,
הייבן זיך טויזנטער אַרבל און רייסן זיך, שטרעקן.

' האָבן דערקענט זיך, אַ „שלום עליכם" אייך אַלע,
לאָזט אויף די העלדזער — די קראַגנס די פוסטע — אייך פאַלן.

ווערט אייך נישט נעמען דער שטויב, נישט די מילב, נישט דער וואָרעם, —
ים, בגדים, איר זענט מיין לבוש היינט געוואָרן.

יינווייגען לאָזט אין דער קופּע ביז יעטוועדן פּאָדעם,
ר אייך אויך, פאַר אייך — ווייל עס קענען נישט ווייגען בגדים...

12

די שטיינער פון װארשעװער געטא

די שטיינער פון װאַרשעװער געטאָ,
איך טראָג אומעטום זייער לאַסט. — — —
זיי נעמען מיך אויף צו מיין אומקער
און זאָגן זיך: „ליב אונדזער גאַסט“.

זיי װייזן אויף מיר מיט געמורמל
און רוקן זיך נעענטער צונויף
און שושקען זיך, רופן מיך: „שכן,
דערקען אונדז, די װענט פון דיין הויף“.

אָ, שטיינער, איך קוש אייך און האַלדז אייך,
גיב שלום עליכם אייך אָפּ.
זיי שיטן אויף מיר זיך און פאַלן.
כ׳בעט: גוט אַזוי, פאַלט אויף מיין קאָפּ.

נאָך שענער פון קרוינען אַ יעדער
פון אייך צו דעם קאָפּ מיינעם פּאַסט.
כ׳װעל ביז צו דעם סוף פון די כוחות
אייך טראָגן, אַ הייליקע לאַסט.

זיי שושקען זיך ווידער: „דער שכן
וויל אפשר גאָר ווייטער נישט גיין —
מיר קענען פֿאַרשטויבן זיין מלבוש...״ —
אָ, שטויבן, מיט אייך בין איך ריין.

כ׳פֿאַרנעם זייער ביטערן פֿאָרוווּרף
און קען מער פֿון זיי נישט אַרויס.
אָ, שטיינער, ווו נאָר כ׳זאָל נישט וווינען,
די וואַנט וועט איר זיין פֿון מיין הויז.

זיי לייגן זיך שווער אויף מיין האַרצן —
איך לייג זיי אין הארצן אריין.
אויב וועל איך אייך, שטיינער, פֿאַרגעסן,
פֿאַרשטיינען זאָלט איר מיין געביין.

13

אויף מיין גאַס

און אַט איז מוראַנאָווסקע פּיר־און־פּערציק.
שטעל אָפּ זיך, מידער וואַנדערער, בלייב שטיין.
פון יעדן שווייגנדיקן ציגל, יעדן שטיין,
איך הער אַ ווידערקלאַנג, מיין יוגנט הערט זיך.

און אויף דעם פעסטן באָדן פון זכרון
אַ ציגל צו אַ ציגל כ׳נעם צונויף,
דאָס ענגע קעלער־שטיבל שטעל איך אויף,
ווי ס׳איז געשטאַנען דאָ אַמאָל צוריק מיט יאָרן.

די אַלטע ניי־מאַשין דערהער איך ווידער,
איר קול איז מיר גאָר היימיש, אַלט־באַקאַנט,
אַרויסגעזונגען האָט זי פון געוואַנט
לויט נאָדל־שטעך — די נאָטן — אירע לידער.

נאָר שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט, ווען זי פלעגט שווייגן,
מיין האַרץ האָט זיך צעזונגען לעבן איר,
כ׳פלעג שטיין געבויגן איבער שרייב־פּאַפּיר
און אויך מיין שאָטן פלעגט זיך מאַטערן און בייגן...

די שיין פון נאַפטלאָמפּ האָט באַדאַרפט געהערן
בלויז מיר. כ׳האָב זי פאַרצוימט, אַרומגעבעט,
זי זאָל, חלילה, נישט דערגיין צום טאַטנס בעט
און קיינעם פון די שטוביקע דעם שלאָף נישט שטערן...

כ׳בין דאָן יד־אחת מיט דער נאַכט געוואָרן,
נישט איבערוועקן קיינעמען כ׳האָב זיך באַמיט,
און ס׳איז אַריין אין ריטם פון מײַן ליד
אַ יעדנס אָטעם, זיפץ — אויף אַלע יאָרן...

שוין לאַנג ווי ס׳איז דער נאַפטלאָמפּ אויסגעגאַנגען,
פאַרוואָרפן אויף די מיסטן פון אַמאָל,
זײַן ראָד אויפן סופיט — אַן אָרעאָל —
נאָך שײַנט אויף מײַנע טונקעלע געזאַנגען.

דורך יעדן שפּאַלט פון צייט איז דורך זײַן פלעמל
און ס׳איז אין הארץ — דעם טונקלען לאָמפּ — אַריין,
ס׳זאָל לײַכטן היינט ווי אַ נר־תמיד־שײַן
דעם שטיבל, ווו געבויגן כ׳שטיי ווי דעמאָלט.

14

איך טו א געשריי...

איך טו אַ געשריי אין דער וויסטע פון שטיינער
בכדי צו דערפילן צי כ׳בין דאָ נישט איינער
פון זיי, און בכדי כ׳זאָל אַליין זיך דערהערן.
איך שריי — און דאָס הייסט, כ׳קען פאַרוואַנדלט נישט ווערן
אין חומר, ווי זיי, און פאַרשאַלטן מיט גליווער, —
נאָך זיך אַליין זיצן אין אייגענער שבעה...

•

איך טו אַ געשריי אין דער וויסטע פון שטיינער.
איז טאַקע דאָס אמת, עס הערט מיך נישט קיינער
דאָ, וווּ ס׳האָט געזאָטן מיט קולות און קלאַנגען?...
מיין שטים איז אין וויִיטן אַרום זיך פאַרגאַנגען,
אַריבער איז זי, ווי אַ טייך, זיינע ראַנדן;
עס טראָגט זי, געכפּלט, די פּוסטקייט פאַנאַנדער,
צערייסט און צעשיט זי אויף שטיקעלעך טענער
און יעדער באַזונדער צערייסט זיך, ווערט קלענער.
און ס׳גיט יעדער שטיין צו אַ צוויִיטן זי איבער —
נישט גיין זאָל איר מינדעסטער אָפּקלאַנג לאיבוד.

כ׳בין, שטומער אָרום, דיין פֿאַרוואָגלטער עכאָ,
דו שווייגסט — דאַרף איך שרייען נאָך העכער און העכער.
אַזויפֿיל האָט איר צו דערציילן און זאָגן,
צעשאָטענע שטיינער פֿון גאַסן, פֿון ראָגן,
נאָר ס׳פֿעלט אייך אַ לשון, איר האָט נישט קיין ווערטער —
דאַרף איך אייער פֿירשפּרעכער זיין דער באַשערטער.
אָט בין איך צו אייער רשות אָנגעבאָטן,
איר, וואָס איר געדענקט נאָך מיין קינדערשן שאָטן,
איר, וואָס כ׳בין געוואַקסן ביי אייך אויפֿן באָדן —
איך וויל מיט דער שטילקייט פֿון אייך זיין געלאָדן.

איר האָט מיך גערופֿן און איך בין געקומען,
איך האָב אייער שווייגן דערהערט און באַנומען,
אויך איר האָט דערפֿילט מיך; מיר דאַכט זיך, איר שטרעקט זיך
צו מיר, פֿון די ערטער איר וועקט זיך, איר וועקט זיך...
אָט ווילט איר דעם וועג מיר פֿאַרשפּאַרן, פֿאַרשטאָפּן,
און גלייך ווי די שטיינער ביי יעקבס צוקאָפּנס,
איר קריגט זיך, ווייל יעדער וויל זען מיך דער ערשטער.
איך שטיי אין דער שטילקייט — פֿון אייך אַ באַהערשטער,
און כ׳נעם מיט זיך מיט אייער צערפֿולן שווייגן,
איך וועל עס אין זיך, אין מיין האַרץ אַריין לייגן
אַזוי ווי אַ שווערד אין דער שייד ערב שלאַכטן,
וואָס וואַרט אָפּ, אַ שטומע, דעם פֿיינט דעם פֿאַראַכטן...

15

דאָס מיידל פון דער דזשיקע גאַס

ווער האָט געזען דאָס מיידל פון דער דזשיקע
ווען ס'האָט אַראָפּגעלאָזט זיך, קניענדיק, די שטאָט,
און ווען דער ווילדער פייער־שטורעם האָט
איר יוגנט און איר גאַס צעפּליקט אויף שטיקער?

עס האָט איר היים פאַרצוקן און צערויבן
געקענט דער פייער־פּלאַם, דער דינאַמיט,
נאָר נישט די לעצטע שפּור פון אירע טריט —
פאַרבליבן אינעם האַרץ און אין די שטויבן.

מיר האָבן אויף די ווענט דאָ אויסגעשריבן
דעם טרוים פון אַ נצחונדיקער שעה.
ס'איז אמת, יענע וואַנט איז מער נישטאָ,
נאָר דאָס פאַרשריבענע — אויף אייביק איז פאַרבליבן.

עס האָבן נאָך די שטיינער פון דער דזשיקע
געוויין אַן אָפּקלאַנג פון איר גאַנג פאַרהיט.
ווי ליב געהאַט האָט זי דעם דיכטערס ליד,
און טאַקע אים, דעם דיכטער אויך, דער עיקר...

דער גאַסן-זייגער פלעגט זיך גיין במנוחה,
געוווּסט פון מיין דערוואַרטונג, פון מיין פרייד;
אַז קומען פלעגט זי שטענדיק צו דער צייט,
אין רעגן אויך, צי שניי און זאַווערוכע.

כ'וואָלט שווערן, דאָ געוועזן איז איר טויער,
ווייל עפּעס קען איך מער פון אָרט נישט גיין,
פאַרקלעמט האָט מיך צום באָדן יעדער שטיין.
דאָס האַרץ זאָגט יאָ. און ס'האַרץ איז זיך נישט טועה...

מיר פלעגן שטיין דאָ אין די נעכט, ביז קיינער
פלעגט מער נישט זיין. מיר ביידע און די נאַכט.
און אויף דער וואַנט, מיר האָט זיך אויסגעדאַכט,
פון ביידנס שאָטנס איז געוואָרן איינער...

עס טראָגט נאָך אום דער חלל איר געפּליסטער,
די קושן אירע אינעם טונקלען הויף.
איך בין איר נישט געבליבן קיין בעל-חוב
דאָ, ווו ס'איז איצטער שטיינערדיקע וויסטע... — —

צום אָרט, וואָס איז פון מענטשן-טריט פאַרלאָזן,
עס קומט דער ווינט באַזוכן יעדן שטיין,
און איז מרחם זיך און ברענגט אַליין
די זאָמען פון די קרייטעכצער און גראָזן.

און כ׳בעט ביים ווינט, ווו ס׳איז געווען איר טויער:
ווען לאָזט אַרוים דיין פרילינגדיקן הויך,
מיט חסד האָב זי דאָרט אין זינען אויך —
פאַרזיי אַ ביסל גרינם צו איר באַדויער...

16

אין וואַרשע ביי א חורבה

אין וואַרשע, בלאַנקענדיק אָן חשבון, לאַנג,
מיין טראָט פאַרהאַלט זיך ביי אַ חורבה־מויער
אין סביבה פון צעבראָקטן שטיין און טינק
און אימה, ווו, פאַרכאַפּט, מיין בליק פאַרזינקט;
פון דאָרט, ווי ס׳לייגט זיך אין אַ מענטשנס האַנט
אָן אומגעריכט און טרייסטנדיק געשאַנק,
אַ טויבן־וואָרקן לייגט זיך אין מיין אויער.

עס האָט נישט לאַנג צוריק אין אָט־דער וואַנט
אַ לאָך די אַרטילעריע אויסגעביסן
(ווען אַנדערע האָט זי צעפּליקט, צעריסן),
און ווען פאַרלאָשן האָבן זיך אַרום די פלאַמען,
האָט אין דעם לאָך אַ טויבן־פּאָר זיך דאָרט
אַ נעסט פאַרלייגט. אין וואַנט צונויפגעפּאָרט
איז קריג און שלום, הויזנדיק צוזאַמען.

ווי ס׳וואָלט די טויבן־פּאָר ביי מיר אין האַרצן
איר נעסט פאַרלייגט, כ׳בין פול מיט איר געזאַנג.
קום דאָרט, ווו ווענט־געשפּענסטער קרומע שטאַרצן

ביז אין מיין קישן, וואָס איז דול פון זיי און קראַנק,
און בלייב דאָרט שטיין, באַטראַכט אַ ווייל באַזונדער
די חורבה-מויער פול מיט ווונד און וונדער,
ווו פון דער נעסט פון קריג און פון צעשטערונג
דו קענסט דאָס ליד פון שלום און פון ליבשאַפט הערן.

17

אין מיין היימשטאט

רושטאָוואַניעס, לייטערס, שטריק און שטאַנגען —
ס׳איז מיין בליק אין אייער נעץ געפאַנגען.

ווייט, ביז וואַנען ס׳גרייכן מיינע אויגן —
אַזאַ פאָרהאַנג אויף מיין שטאָט פאַרצויגן.

ערב יום־טוב איבער אַלע פענצטער
שפּרייטסטו, פאָרהאַנג ליכטיקסטער און שענסטער.

נאָך געדענקען חרובע געביייען
יאָמער פון סירענעס, נאַכט־געשרייען,

פאַל פון איינגעבראָכענע סופיטן —
ווען חלומות פלעגט דער טויט פאַרשיטן. —

הערן זיי אַצינד פון בוי — געזאַנגען,
ווילן ביז די כמאַרעס הויך דערלאַנגען.

ס׳גייען אין געשלעגן ווענט און דעכער —
ווילן איבערשטייגן זיך אַלץ העכער.

טרערן פון צעשטערונג און פון טרויער
ווישט אַראָפּ די קעלניע פונעם בויער...

אויף מיין היימשטאָט, מילדע קעלניע, גוטע,
לייג זיך ווי די דלאָניע פון אַ מוטער...

18

א הויז אין בויען

פון חרובן הויז איז די אימה אוועק,
עס האָט זי פאַרטריבן דער אָפּהילך פון העק.

אוועק איז פון דאָרטן דער רוח, דער שד,
פאַריאָגט פונעם טאָג און פון אַרבעטס־געוועט.

א העלפּט פונעם הויז איז געשטאַנען אין אַש,
איצט נעמט עס אַ לייטער אַרום — אַ באַנדאַזש.

צעריסן דאָס הויז איז געשטאַנען אויף האַלב,
איצט לייגט זיך דער צעמענט אויף אים ווי אַ זאַלב.

אַ פּלאַסטער פון צעמענט אויף יעטוועדער ווונד —
זאָל זיין צו רפואה, זאָל זיין צו געזונט!

דאָס פענצטער, וואָס פול מרה־שחורה און ווינט,
פלעגט אומהיימלעך קוקן אין חלל אַ בלינדס,

דאָס פענצטער, וואָס האָט זיך געוואָרגן מיט פלאַם,
זיך אָנטאָן וועט באַלד אין אַ שויב, אין אַ ראַם.

און עמער פאַרהייבט זיך — מיט קאַלך צי געטראַנק?
און עמער פאַרהייבט זיך מיט זון און געזאַנג!

דעם עמער הייבט־אויף דער פאַרוואָגלטער גאַסט, —
לחיים אייך, בויער — דעם שענסטן טאָאַסט!

19

רויטאַרמייאישע בית־עולמס ביי דער אָדער

רויטאַרמייאישע בית-עולמס ביי דער אָדער.
כ'טראָג ווי קמיעות אייך אין האַרצן איינגעפּאַסט.
כ'זע תמיד נאָך פּאַר אייערע אַריינגעזונקענע הויך, געלאָדן,
די צוויי צום אָנדענק וואַכנדיקע טאַנקן צי האַרמאַטן,
ווי זיי וואָלטן געשטורעמט נאָך דעם פּיינטס אַ הויז, אַ גאַס.
זיי האַלטן וואַך און היטן אייער רום.
ווי ספינקסן מעכטיקע, צו אייך דעם צוטריט זיי באַוואַכן
און היטן אַפּ פּאַר דורות אייער טרוים,
אַז ווידער בליען זאָל אין מאַי די בלום,
עס זאָל אין צווייט באַנייען זיך דער בוים,
און קינדער זאָלן לאַכן.

אַנטשוויגן זענט איר, זין פון דאָן- און וואָלגע-ברעגן
בכדי עס זאָל נישט אונדזער שטים אַנטשוויגן ווערן;
בכדי עס זאָל אויפסניי זיך לאָזן הערן
דער טראָט פון מענטש, זיין גאַנג אויף אַלע וועגן.
די רויטע שטערן אויף די קברים אויסגעשטעלטע
באַשיצן אונדז די שטערן אויפן הימל יעדע נאַכט,
און אויך די שטערן אויפן הימל האַלטן וואַך

ביים אָדער־טייך — אַ שווערד אַ שאַרף־צעהעלטע,
און יעדער שטערן וויל דערהייבן אייך צום ראַנג —
אַליין זיך צולייגן ווי אַ באַלוינונג און אַ שבח —
אַ לויב, אַ לויב פאַר אייער העלדן־גאַנג.

איר זין געקומענע פון גאַרער ווייט —
נישט אין קיין פרעמדער ערד איר רוט אין שווייגן,
ווייל יעדע ערד, וווּ ס׳וועט דעם מענטשנס גליק פאַרגרייט,
איז, ווי אַ מאַמע, גוט און אייגן.
אויף איר, פאַרוואַלגערט אין זיין אייגן גרוז און שטויב,
ליגט צווישן ברוכשטיקער דערוואָרגן און אַנטשטומט
דער אָדלער פונעם גאַוווהדיקן פּריים, דעם רויבער,
די פליגל אויסגעפליקט, דעם שנאָבל אויסגעקרומט —
אים אויסגלייכן צוריק און אָנשטעלן אויף רויב
וועט קיינמאָל קיינער שוין נישט מער באַווייזן.
דער פאַל פון חרובע געבייען לאָזט זיך הערן,
אין חלל טראָגט זיך הויך מיט שווונג דער הויבער,
פאַרקניפּט אין שטראַלן און אין שטריק פון שטאָל און אייזן;
ער טראָגט אַוועק דאָס אָפּפאַל פון צעשטערונג
און טראָגט אַוועק דעם זכר פון פאַרניכטער
צום שאול־תחתיה פון דער צייט, פון דער געשיכטע.

פריד צו אייך אין קברים, רויטאַרמייער ביי די אָדער־ברעגן,
איר, וואָס האָט צו מענטשנקינדער פריד געגעבן.

אַ מיילנשטיין איז אייער יעדעס קבר אויף די פרייהייטס־וועגן,
און אייער טויט באַשטראַלט אויף מײלן־ווייט דאָס לעבן.
אום ס'זאָלן, קברים, נישט באַפאַלן אייך קיין טשאַטעס ראָבן
מיט שנאָבלען גיריקע, אין בלוט פאַרשמירט, פאַרשוימט;
אום ס'זאָל קיין מערב־דעמערונג צו אייער ליכט קיין שליטה האָבן —
ווי ספינקסן, פאַר די איינגענג היטן אָפּ די טאַנקן דעם אַרום,
זיי שטייען אויף דער ערן־וואַך און זיי באַוואַכן
צו אייך דעם צוטריט און באַוואַכן אייער טרוים,
אַז ווידער בליען זאָל אין מאַי די בלום,
עס זאָל אין צווייט באַנייען זיך דער בוים,
און קינדער זאָלן לאַכן.

20

אויף מיין טיש ליגט א שטיין...

אויף מיין טיש ליגט אַ שטיין
פון אַ וואַרשעווער מויער.
זאָל ער זיין, זאָל ער זיין
ביזן סוף פון מיין דויער.

כ'פיל, מיין יעטוועדן קער
קוקט ער נאָך ווי אַ היטער,
אויף מיין יעטוועדן קלער
און געדאַנק האָט ער שליטה.

ס'איז געווען דאָך דער מיין,
ער זאָל איבער מיר וואַכן
און מיין וועגווייזער זיין
ביי דעם קרייז פון די שליאַכן.

טיילמאָל דאַכט מיר, ער רעדט
מיט זיין שטיינערנער שטימע:
„כ'קוועל דיך, אפשר, פּאָעט,
איך פאַראומריין דיין צימער?"

אוי, ווי ביטער איז מיר
אויסצוהערן די טענה.
נאַ, מיין קאָפּ נעם צו דיר
ווי אַ שטיין צווישן שטיינער.

איך גיי נאָך נאָך דיין שטויב
ווי נאָך הייליקע שליאַדן.
קעגן צוגווינט, וואָס רויבט,
לייג איך דיך אויף כתב־ידן.

לייג אויף זיי דיין געוויכט,
ס׳זאָל דער ווינט נישט צעיאָגן;
אויך מיין האַרץ — אומגעריכט
קען דער צער אים פאַרטראָגן,

ווי אַ בלאַט וואָס פאַרוויאַנט
און גענייגט איז צום פאַלן.
לייג זיך צו צו מיין האַנט,
כ׳זאָל נישט ווערן פאַרפאַלן.

ווידער הער איך, ער רעדט
מיט זיין שטיינערנער שטימע:
„סתּם צו ליגן, פּאָעט,
אויף דיין טיש ווערט מיר נמאס“.

„וואָס איך וויל און פאַרלאַנג:
זאָלסט מיר געבן אַ תיקון.
אַנדערש קען, ווי אַ טאַנק,
דיך מיין שווערקייט צעדריקן".

„כ'קען דיין טיש, ווי אַ שטיין,
נישט באַצירן, באַשיינען,
קיין מצבה־שטיין זיין,
אַז דו זאָלסט מיך באַוויינען".

„כ'בין נישט סתם דיר אַ שטיין,
וואָס אויף גאַסן מען טרעט דאָ —
כ'טראָג אין מיר דאָס געוויין
פונעם פלאַמיקן געטאָ".

„כ'האָב אַ גיבור, אַ העלד
זיך צוהילף אָנגעבאָטן,
אים געשיצט און פאַרשטעלט,
איצט באַזעלט מיך זיין אָטעם".

„ס'רוט אויף מיר זיין באַריר,
וואָס דו טאָרסט נישט פאַרשעמען". — —
אוי, ווי ביטער איז מיר
זיינע רייד צו פאַרנעמען.

שטייסט פאַר מיר נישט דערפאַר,
זאָג איך, זאָלסט מיך באַשווערן
מיטן יאָמער פון צער,
נאָר דו זאָלסט מיך באַשווערן

מיט אַ שבועה פון זיין,
וואָס באַפעלט מיר: געדענקען.
ס׳וועט קיין מוטנער געוויין
דיך פון אָרט נישט פאַרשווענקען,

ווי דעם זייל, ווי דעם פעלדז
שווענקט אַ שטראָם אַ פאַרשייטער,
און אומזיסט יעדע וועל
שלאָגט זיך אָן און גייט ווייטער.

הער מיך אויס, ברודער שטיין:
ס׳איז מיין טיש נישט קיין קבר,
אַז אויף אים זאָלסטו שטיין
ווי אַ שטיין — אַ מצבה.

כ׳שווער ביים ליד, ביי מיין וואָרט,
אַז איך וועל פון דיר מאַכן
מיר אַ פעסטונג, אַ פאָרט,
גאָר דאָס פאָלק צו באַוואַכן.

הינטער דיר, יעדע וואַנט
זאָל מיין צאָרן פאַרנעמען,
אָדער גאָר אין מיין האַנט
כ׳וועל דיך פלוצלונג פאַרקלעמען

און דיך האַלטן געגרייט.
ווען די פליכט וועט פאַרבעטן,
כ׳וועל מיט דיר, אינעם שטרייט
יעדע רשעות צעפלעטן.

אין מיין פויסט אָנגעגורט,
זיי דער שטיין פון מרידה!
ווי געשריי פון געבורט,
וועק צום לעבן די מידע!

אין צוואָנציקסטן יאָרהונדערט

צוויי חברים

זיי זענען געווען צוויי חברים.
זיי האָבן זיך איינמאָל באַקענט,
ווען מ׳האָט זיי פאַרליינגט און פאַרשלאָסן
אַ שותּפותדיק קייט אויף די הענט.

ס׳איז איינער געווען פון נאָרמאַנדיע,
דער צווייטער פון שטעטל בזשעזשין.
נישט נויטיק, נישט וויכטיק קיין נעמען,
ווער ס׳דאַרף זיי, דעם שיק איך אַהין.

צום שטיינערנעם קאַמער פון תּפיסה,
וווּ אפשר געלאָזט האָט די צייט
אַן אָפּקלאַנג אַ נאָך־נישט־געשטילטן
פון ביידנס בשותּפותער קייט.

און מערער פון מענטשלעכע נעמען
דערהערט וואָלט מען אפשר אין אים —
דעם שאָרך פון צוויי גופים, פאַרבונדן
דורך אייזן — געמיינזאַם, אינטים.

ווער ס'האָט אין דער מויער פון צעלע
לזכר זיין נאָמען געלאָזט,
און ווער ס'האָט פאַרקריצט זיין צוואה
מיט אותיות צעקרימטע און פראָסט.

ווער פשוט מיט אייגענע נעגל
פאַרשריבן האָט: „דאָ האָט געלעבט"... —
נאָך זיי בלויז אַן אייזערנער נאָכקלאַנג
נאָך ציטערט אין חלל און שוועבט.

אַן אייזן־געקלאַנג וואָס פאַרנומען
האָט ער זייער פיין־אויסגעשריי,
דעם שלאָג פון די דופקס און ס'שאַרכן
פון בלוט פון די קעמפער די צוויי.

געפאַנגען — אַ דלאָניע אין דלאָניע
געשמידטע, באַרירט האָבן זיי.
די קייט איז געשלאָסן, און פריינטשאַפט —
עס האָבן געשלאָסן די צוויי.

געהאַט האָבן ביידע איין נאַרע,
און ביידע איין שאָטן געהאַט,
געוווּסט האָבן ביידע, צעשיידן
וועט ביידן די קויל פונעם קאַט.

די זון אין איר טעגלעכן אומקרייז
האָט זיי אין שפּאַצירגאַנג באַגלייט,
באַגילדעט די אייזערנע רינגען
פון ביידנס בשותּפותער קייט.

געזויגן דעם זשאַווער פון אייזן,
און צער פון פאַרשלאָסענע הענט,
און ווייטער, אין טעגלעכן אומקרייז,
אַוועק פון די תּפיסהשע ווענט.

גאַנץ אָפּט, אין דערוואַרטונג פלעגט קלינגען
די קייט ביי געמיינזאַמען ריר,
ווען ס'פלעגט, ווי אַ שנאָבל, דער דאַשיק
פון וואַכמאַן אַ פּיק־טאָן אין טיר.

אין קלאַפּע, אין „יודאַש" דעם קליינעם,
דאָס אויג פון עס־עם האָט געקוקט,
און ווי אַ געפאַנגענער שרץ,
געצאַפּלט אין אים און געצוקט...

מעת־לעתן דאָס אויג פונעם „יודאַש"
פלעגט זען מיט הנאה און פרייד
ס'דערוואַרטן דעם טויט פון די ביידע,
צוזאַמען, געבונדענערהייט.

זיי האָבן אין שלאָפּלאָזע נעכט שוין
פון אַלץ און פון אַלעם גערעדט,
פון קינדהייט, פון קריג, פון חברים,
פון רייזעס אין ווייטיקע שטעט.

און אַלערליי מעשיות דערציילט זיך,
פון היימען, פון טאַטעס און זין,
פון פּויערים אין דער נאָרמאַנדיע
און יידן אין שטעטל בזשעזשין.

דערמאָנט שוין־פאַרגאַנגענע ליבעס
און פּרטים פון שלאַכט אין מאַקי, —
ס'פּלעגט זייער געפּליסטער פאַרנעמען
די נאַרע אָפט ביז אין דער פרי.

ביז אַלצדינג דערציילט. נישט געווען מער.
ווי אויסגעפּעלט וואָלטן זיי רייד.
עס ליגן געשמידטע די קערפּער,
עס דרימלט אויף ביידן די קייט.

זיי ליגן צוזאַמען באַרואיקט,
באַקלערט אַלץ געלאַסן, באַזאַכט,
דעם חשבון־הנפש דעם לעצטן,
מיט הענט די געשמידטע געמאַכט.

חוץ דעם, אויך אַן אַנדערן חשבון
זיי האָבן פון לאַנג שוין געמאַכט,
דעם חשבון פון מעשים, פון אַפּצאָל
פאַר קנעכטשאַפט, פוןביידע פּאַראַכט.

דעם חשבון פון וועגן צעפליקטע
פון פראַנקרייכס באַצוווּנגענער ערד,
וואָס האָט זיך אַליין אויפגעהויבן,
אין צאָרן זיך איבערגעקערט.

און ווידערגעשפּעניקט צוזאַמען
מיט מענטש קעגן יאָך, קעגן בלוט. —
איצט ליגן זיי ביידע באַרואיקט,
דאָס ברעט איז זיי גנעדיק און גוט, —

גלייך ס׳וואָלט נישט געווען קיין נאַרע,
נאָר ס׳בעט פון דער חתונה-נאַכט. —
נאָך בייקומען דאַרף מען בלויז איינע,
אַ לעצטע, אַנטשיידענע שלאַכט. — — — —

ביז איינמאָל די זון אין איר אומקרייז
האָט מער נישט געפונען די צוויי.
די צעל איז פאַרלאָזן און ליידיק,
די טיר — אַ געעפנטע, פריי.

נאַר־וואָס האָט מען זי אויפגעעפנט,
און ביידן — געעפנט די קייט,
דער וועכטער דערביי מיט הנאה
און שפּאָט האָט געצישעט: „באַפרייט"...

אין גראָען פאַרטאָג זענען ביידע
אַרויף אויפן באַרג וואַלעריאַן,
וואָס הייבט זיך באַדעקט מיט צוואות
און ווידערשיין פון פאַרטיזאַן.

מיט פּורפּור פון זון־אויפגאַנג נייעם
האָט אויסגעמישט רויט דער באַגין
דאָס בלוט פונעם דאָרף אין נאָרמאַנדיע
און ס'בלוט פונעם שטעטל בזשעזשין.

און גלייך ווי אַ שלאַנג אַ פאַרדרייטע,
געלעגן איז שטיל אין אַ זייט
אין ליידיקער צעלע פון תפיסה
די קעמפערס בשותפותע קייט.

איר נאָכקלאַנג פון ברודערשאַפט האָב איך
פאַרנומען, אויף שטענדיק פאַרהיט,
עס זאָל אים, ווי ס'האַרץ אַ צוואה,
באַהאַלטן דער קלאַנג פון מײַן ליד.

צום צוואַנציקסטן יאָרהונדערט

באַוויליק מיר, אַ צוואַנציקסטער יאָרהונדערט,
מיך אויסצוהערן אויפמערקזאַם, דערלויב.
כ׳וויל זינגען דיר אַ ליד פון גרויס באַוווּנדער
און אויך פון הארבער טאַדלונג, ווי פון לויב.
דו האָלטסט, ווי ס׳איז, אַ העלפט שוין ביים דערציִען,
פאַרהייב איך צו דיין יובל אַ טאָאַסט.
כ׳בין מודה, עס וועט זיין פאַר מיר אַ זכיה
צו האָבן אויך געווען ביי דיר אַ גאַסט.
גייסט אָפּ שוין, האַלב, צו ספערן ווייט-געהיימע,
צום חלל פון דער קאַטאַקאַמבע — צייט,
צי גאָר פאַרפאַקט, ווי אַלט-פאַרשטויבטע שמות,
פאַרבלייבסט אין בוידעם פון דער אייביקייט.
דער מענטש וועט זיך אַמאָל אין זיי פאַרנורען
און זוכן צו די יאָרן אַ באַשייד.
אויב שטויביק — זיין וועט דאָס אַ שטויב פון שטורעם.
דו צייט געהתמעטע פון בלוט און לייד.
דו צייט פון גרויזאַמקייט און פון חידושים —

עס גייט דורך דיר אויף שטחים־ווייט צעשיקט
דער אָטעם פון מאַידאַנעקער מלבושים
ווו ס׳האָבן דורות גאַנצע זיך געשטיקט.
כאָטש דורות נייע וועלן זיך שוין קייטלען,
וועט יעדער אָרבל פון אַ טויטער האַנט
נאָך שטאַרצן דאָרט אַרוים פון דיר און טייטלען
און הענגען ווי דער צייכן פון דיין שאַנד.
אָן לעבן, ליידיק, הענגען וועט דער אָרבל
— ווו ס׳האָט דער דופק ווען געקלאַפּט פון הענט —
דערציילן פון אַ פאָלק, וואָס גייט צום שטאַרבן;
זיין שאָטן, וואָס האָט ברענען נישט געקענט...
פון יאָרן פריערע, נישט צום פאַרגעסן,
צום נישט־געקילטן אַש אַ פונק פליט אָן,
וואָס האָט געבלאָנקעט לאַנג פון צוגן־קעסלען,
פון ברענענדיקע גופים אין קאַנטאָן.
געבלאָנקעט יאָרנלאַנג האָט ער אין טרויער,
אין הערצער טיף געטליעט האָט דער פונק.
איצט — ווי אַ וואָרנונג צום תוהו־ובוהו
גייט־אויף אין הארצן פון מאָאָ־טסע־טונג.
ווי שטענדיק וועט אין הימל שטיין די זון דאָרט,
די ערד וועט דרייען זיך מיט מאָס און טאַקט,
נאָר תקופות וועלן, צוואַנציקסטער יאָרהונדערט,
דערמאָנען ווי דו האָסט אַמאָל געוואָגט.

דערמאָנען וועלן ברידערלעכע לענדער
— וואָס האָבן זיך געברוגזט דורות־לאַנג —
ווי לענין האָט דיין אָנגעזיכט פאַרענדערט,
געוויזן דיר אַ שפּאָגל־נייעם גאַנג.
ביי פּופּציק יאָר דער תמצית ביסט פון צייטן;
ווי אַטלאַס, טראָגסט זיי אַלע אויפן קאַרק.
דו הערסט ווי ס׳קומען דיך, דיין העלפט, באַגלייטן
די לעצטע שאָסן פונעם גראָמאָס־באַרג.
אַ נישט־געשטילטן ווידערקלאַנג לאָזט הערן
די נישט־באַזיגטע פירענייען־הויך,
וואָס טראָגט אין זיך דעם האַס פון גערילעראַ,
ווי ס׳טראָגט דעם פלאַם דער וועזוווו אין זיין בויך.
ס׳באַגעגענען זיך עכאָס און צעקושן
און הערסט דערביי ווי געטאָס פאַלן איין
און ווי די שיינע, ליכטיקע „קאַטיושאַ“
צעפראַלט די טויערן פון אונדזער פיין.
זי טראָגט אַ שלום־בשורה אויף די פליגל,
ווי ס׳טייבעלע, וואָס פליט אין חלל פריי,
קיין שפּאַרבער איז פאַרלעשן נישט מסוגל
איר שיין, וואָס גייט פון מאָסקווער מאַוזאָליי.
עס האָט דער עקדיש זיך מיט איר געוואָרגן
און בלינד געוואָרן איז ער פון דער שיין,
די נאַכט פון טויזנט יאָר טרעט אָפּ דעם מאָרגן,

ווייל סטאַלין אין דער צוקונפט קוקט אַריין.
אין פרילינג אויפגיין וועט דער צווייט פון צווייגן,
אין האַרבסט, ווי שטענדיק, וועלקן וועט דאָס בלאַט,
נאָר קיינמאָל וועט צום וועלקן זיך נישט בייגן
דער נאָמען פון דיין תקופה: סטאַלינגראַד.
די פייער־שטאָט, וואָס האָט געשמידט דיין גלאָריע,
אַרויסגעפירט דיך צו אַ נייער וואָר;
וואָס איז געווען דער קברן פון אכזריות
און איז די הייבאַם פון אַ זיגער־דור.
וועט דיר באַשערט זיין, צוואַנציקסטער יאָרהונדערט,
דעם לעצטן אכזר פירן צום געריכט,
די היילונג זיין צו אַלע ווייַ־און־ווונדן,
פאַרבייטן יעדע פינצטערניש אויף ליכט —
וועל איך פון קבר דיר מיין ברכה געבן
און זאָגן ביים פאַרהייבן מיין טאָאַסט:
עס האָט געלוינט, ווי ס׳איז, ביי דיר צו לעבן,
עס האָט געלוינט צו זיין ביי דיר אַ גאַסט.

א טרער אין ים

(עקזאָדוס, 1947)

ווייט, ווייט אויפן ים, פון יבשה פאַרלוירן,
געוואָגלט האָט ערגעץ אַ שיף טאָג און נאַכט,
געיאָגט האָבן ברעגן זי ווי אַ מצורע,
געטריבן פון זיך האָט די ערד מיט פאַראַכט.

געיאָגט און דערוואַרט פון פאַרפאָלגער און שענדער,
נאָך איר זענען חורבות, פאַר איר — נע ונד.
עס וואַרפן מיט איר זיך אימפּעריעס און לענדער,
ווי ס'וואַרפן זיך ווינטן פון האַרבסט מיט אַ בלאַט.

דער רויך פון געביין איז איר עמוד־הענן,
איר עמוד־האש — דער מאַידאַנעקער פלאַם,
עס האָט זי אין הפקר געיאָגט די דערמאָנונג,
ווי זעגלען פון אומרו געפירט אויפן ים.

דער פייף אירער איז נישט די פרייד פאַרן אַנקער,
פון ענדלעך פאַרלאָזן סכנה פון גרונט,
נאָר יאָמער־געשריי פון אַ חיה אַ קראַנקער,
וואָס זוכט אַן אַנטרינונג צו קילן איר וווּנד.

אַ שיף וואָס זי האָט נישט קיין ברעג ווו צו לאַנדן
איר פשוטן חלום פון היים און פון רו,
און ווי אַ געשפּענסט טויכט זי אויף, צו די ראַנדן
פון אונדזוערע בעטן בייּנאַכט שווימט זי צו.

עס דאַכט, אונדזער בעט, ווי די שיף, איז געפאַנגען,
עס וואַרפט עס דער שטורעם — דער אומרו פון נעכט.
אָ, וואָלט ער עס איר ווי אַ רעטונג דערלאַנגען,
עס וואַרפן פאַר איר אינעם שיפן־געפעכט...

עס וויל, ווי אַ שפּאַרבער צו פייגלשע נעסטן,
דערלאַנגען דער יאוש צום ליכטיקן מוט,
די זון אויך, אין פּיין און אין אומגליק דעם גרעסטן,
דערבאַרעמט זיך נישט און פאַרהאַלט נישט איר גלוט.

ווי ווינטן אַ טונקעלן וואָלקן, דעם צווייפל
געיאָגט האָט די האָפנונג ביי יעדן געזינד.
פון דעק, אַנגעזאַפּטן מיט זאָרג און מיט ווייַ פּול,
געפאַלן אין ים איז אַ טרער פון אַ קינד.

אַ קינדערשע טרער אין געברויז פון די וועלן,
אַ גרוס צו דעם ים, פון דער ערד, פון דער שיף,
וואָס זוכט — ווי אַ זויגלינג די זאַפטיקע קוועלן —
דאָס ליכט און די טויערן פון תל־אביב.

אומזיסט אייער רוגזה, צערודערטע שוימען,
דו הערשער פון ימען — אָ, מעכטיקער ווינט,
איר וועט נישט דערטרינקען קיין טרער אין די תהומען,
איר וועט נישט פאַרשרייען געוויין פון אַ קינד.

כאָטש וואָס איז אַ טרער און וואָס זעט זי זיך אָן דען
ביים ים, אין זיין טיפן, פאַרלוירענעם תהום —
אַוועקטראָגן זאָל זי צו ברעגן געוואָנדן
דער ווינט, וואָס גייט דורך יעדן ברעג, יעדע צוים.

מיין פאָלק, שוין פון לאַנג ווי די ערד איז געחתמעט
מיט אונדזערע טרערן — דער חותם פון שטאַם,
איצט נעם אונדזער טרער פון ענויים און האָס מיט
אין אייביקן גאַנג דיינעם, אייביקער ים!

און ווו זי וועט פאַלן — געווירבל זאָל בלייבן,
די כוואַליעס — אין אָנפאַל, געשטוים און געפלעט,
דער ים זאָל אין שטורעם דאָרט צאַרענען אייביק,
קיין רו נישט געפינען, ווי ס׳הארץ פון פאָעט.

און גלייך ווי אַ דימענט שניידט גלאָז, זאָלסטו שניידן
דעם ים און דאָס שטיינערנע האַרץ פון דער ערד,
דיין שניט זאָל די הימלישע הייך נישט פאַרמיידן,
ביז ערגעץ אויף דרערד וועסטו ווערן דערהערט.

זאָלסט קומען אין ליכטיקן זאַל פון פאַרשוועכער
פון קינדערשע טרערן, פאַרלוירן אין ים,
מיט אימה אַ גלאַנץ־טאָן זאָלסטו אין זיין בעכער
און וואַרפן זיך זאָלסטו אין אים ווי אַ סם.

און נישט ווי אַ פּערל זאָלסטו זיך פאַרקלויבן
אין קרוין פון בריטאַניע — די גנעסט פון געוואַלד;
זאָלסט קלאַפּן אין איר ווי אַ האָגל אויף שויבן,
וואָס ראַש די מנוחה פון פענצטער באַפאַלט.

און דער, וואָס אַמאָל האָט זי קינדער געזויגן,
אין ציטער דערוואַרט זייער ערשטלינג־געשריי,
דאָס גליק פונעם ערשטן צעעפן פון אויגן —
זאָלסט פאַלן אין בליק ווי אַ שפּליטער פון וויי.

נישט לויכט — אַ בריליאַנט אין איר צירונג, אין בראָשן,
אין קרייז פון די געסט, נאָר קום־אָן אומגעריכט!
ס'זאָל ווערן דורך דיר זייער שמייכל פאַרלאָשן,
ווי ס'לעשט־אויס אַ שטורעם אַ חלבן ליכט!

דערנאָך קער זיך אום, ווו איך האָב דיך באַשאַפן,
און שווים אינעם ברויז פונעם ים און מיין וואָרט,
און זיין זאָל דער ראַנד פון מיין אויג דיר אַ האַפן,
און זיין זאָל דאָס מענטשלעכע האַרץ דיר אַ פּאָרט.

סעפּטעמבער 1947.

חצות־באלאדע

ביינאַכט, ערגעץ־ווו אויף אַ פינצטערן קריגס־בית־הקברות,
ווו אָפּגעקילט האָט זיך נישט לאַנג דאָרט אַ גרויזאַמע שלאַכט,
פון קברים — באַשיידענע בערגלעך, ווי מוילוואָרפן־נאָרעס,
אַ קרייז פון סאָלדאַטן, פון בר־מינַנס, קנאַפיק דערוואַכט.

זיי הייבן זיך אויף פונעם ערדישן, קאַלטן געלעגער,
און שפּאַנען אַרויס פון בית־עולם. עס גייען צוזאַם
אַ סלאַוו, אַ סעמיט, אַ יאַפּאַנער, אַ יענקי, אַ נעגער, —
שליחים פון יעטוועדער פאַרב און פון יעטוועדן שטאַם.

זיי קוקן זיך שטוינענדיק אום, ווייל ס׳דערקענט זיך נישט קיינער,
אַוועק איז די פאַרב פון געזיכטער צוגלייך מיט דער הויט.
אַנטפּליישטע זיי גייען — די זעלביקע ריפּן און ביינער;
די שפּורן פון אָפּשטאַם פאַרמעקט האָט ביי אַלע דער טויט.

עס קרעכצן די ריפּן, ווי אַלטע, פאַרזשאַווערטע שלעסער;
די ציין, ווי צו אייביק־פאַרמשפּטן לאַכן — געשטרעקט.
די לעכער אין שאַרבנס, זיי ווערן פון חידוש נאָך גרעסער,
פאַר דעם, וואָס עס האָט זיך זיי איצט ווי אַ וואונדער אַנטפּלעקט.

זיי קענען שוין מער נישט דערקענען, צו וואָס פאַר אַ שבט,
צו וואָס פאַר אַ מין און קאָליר עס האָט עמעץ געהערט.
לויט וועלכע סימנים — מיט קללה, מיט שימף און געשריי וועט
באַליידיקן איינער דעם צווייטן אַצינד אויף דער ערד?

אָ, ברידער, מיר זענען ביים לעבן געווען אַלע זינדער, —
שטראָפט עמעץ — מיר האָבן זיך איינער דעם צווייטן געהאַסט,
ערשט אויסגעגלייכט האָט אונדז דער טויט, איצטער זעען מיר, בלינדע:
דער טויט האָט אונדז אַלע, ווי גלייכע, צו גלייכהייט פאַרקנסט.

באַשאַפן, ווי יעדן בעל־חי, האָט אונדז אַלע די ליבע,
נאָר מיר האָבן אַלע די ליבע מיט שנאה פאַרשוועכט.
איצט וועלן מיר מער נישט געפינען קיין רו אין די גריבער,
מיט וואָרענונג אויפשטיין פון דרערד וועלן מיר אין די נעכט.

איר אַלע, וואָס לעבט, וועלן מיר מיט אַ נדר באַשווערן:
זייט מער נישט ווי מיר, וואָס מיר האָבן זיך אַלע געהאַסט.
און איינער פאַרהייבט, ווי אַ בעכער, זיין קאַסק צו די שטערן:
דעם דור, וואָס וועט לעבן אין ליבשאַפט, כ'הייב־אויף מיין טאָאַסט!

עס קנאַקן די קנאָכנס, אָן יחוס פון שטאַם און פון פאַרבן.
צום וועקן פאַרשלאָפענע גאַסן זיי לאָזן זיך גיין.
פול שטוין איז די נאַכט. אין די פינצטערע לעכער פון שאַרבנס
דער הימל וואַרפט יעדן אַ גאָלדענעם שטערן אַריין.

אויפֿן וועג קיין בית־לחם

געשריבן בעת דער אַנטשטייאונג פֿון דער ישראל־מדינה

די מאַמע רחל גייט אַרויס, ווי תמיד, פֿון איר קבר,
ווי ס׳איז דער שטייגער, אָפּצוּוואַרטן און באַוויינען אירע קינדער,
נאָר עפּעס וויינט זי היינט נישט, טאַקע גאָרנישט לויט איר טבע,
און אויפֿן האַרצן ווערט איר גאָר נאָך לייכטער, בעסער, לינדער.

אין לאַנגע מחנות, זעט זי טאַקע, גייען אירע קינדער,
נאָר ווי עס דאַכט זיך איר, און אויב עס נאַרט איר נישט די ראיה,
צו קנעכטשאַפֿט גייען זיי נישט היינט, געטריבענע, ווי רינדער —
פֿון קנעכטשאַפֿט גייען זיי, אַנטרונענע פֿון פּלאָם און תליה.

און זע, זיי טראָגן גאָר כלי־זין אויף די אָרעמס אַנשטאָט קייטן!
ווי זי איז אָפּגעוווינט שוין דאָס צו זען מכּמה יאָרן.
וועט זי נישט וויינען היינט, בלויז מיט אַ טרער פֿון פֿרייד באַגלייטן:
אַ, זייט מצליח, קינדער פֿון מיין פֿאָלק — אויפֿסניי געבאָרן.

זי טוט מיט אויסגעשטרעקטע מאַמע־הענט צו זיי געזעגענען:
אַ, קינדער, מיר פֿאַר אייער יעדער מינדסטער ווונד און ווייטיק.
כ׳זאָל נאָך די טרערן מיינע זוכה זיין אין דימענטן צעברענען,
כּדי זיי אָנצוטאָן בקרוב צו ישראלס נייע פֿרייד־טעג.

און פּאַסן רייסט זי פון איר קלייד: עס זאָל אייך זיין צו היילונג
און פּאַר אַ שלום-סימן איבער אייער שוועל און וווינונג.
און ס'גאַנצע צירונג פון איר הויב און האַלדזבאַנד, נישט צום איבערציילן,
זי שפּיליעט צו צום האַרצן פון די קריגער, ווי אַ זיג-באַלוינונג.

צו די קוילנגרעבער

געשריבן בעת דעם שטרייק פון די
פראַנצויזישע קוילנגרעבער, 1948.

לאָז זיך, האַרץ מיינס, אַרונטער אין תהום
און אין מלכות פון חשכות. דאָרט נידער!
גראָב זיך צאַרנדיק איין, ווי דער לאָם
פון שאַכטיאָרן אין גרונט — מיינע ברידער.

ס'האָט די שטערן פאַרלאָזט דער פּאָעט
(וועלן דאָרט אַזוי גוט זיין און וואַרטן),
אייער לעמפּעלע לאָקערט אים, זעט,
און דער פינקל פון שטיינקויל דעם האַרטן.

ווי דער שמעטערלינג פלאַטערט אין שיין,
אין דעם לעמפּעלע פלאַטערט מיין וויע.
לייכט מיר צו, ווייל ווי קען דען היינט זיין
נאָך אַ שענערע שיין פאַר מיין ראיה!

אויף מיין יעדן געזאַנג היינט כ'פאַרציכט,
איך פאַרוואַרף אַלע גאָלדענע טעמעס.
לעבן אייך — ביי דעם פּשוטסטן ליכט,
כ'קום פאַרשרייבן דעם פּשוטסטן אמת.

איך זאָל האָבן צוויי הערצער אין גוף
וואָלט מיין ליבשאַפט געווען היינט געטאָפּלט
בלויז צו אייך, וואָס אין שוויים פון באַרוף
זענט צו דרערד ערגעץ־ווו צוגענאָפּלט

מיטן עגבער, מיט מוסקל און קנויט,
גראָבט־אויס לעבן פון שטיין־ווענט צעקראַכטע,
און נישט איינמאָל דער שכר איז דער טויט,
ס׳וואַרט דער ארון — די אייביקע שאַכטע...

אייער שוויים, וואָס מיט קויל־שטויב פאַרקנעט,
גיט אַ חיות צו מינדעסטע זאַכן
און מאַכט רוישן די מעכטיקסטע שטעט
און טרייבט־אונטער דאָס ראָד אויף די שליאַכן.

טויטע לאַסט לאָזט איר גיין — עפּעס רעכטס!
און איר זענט, ווי פון קיך — פונעם גרובן,
אונדז מכבד מיט וואַרעם געקעכטס
און איר שענקט אונדז דאָס ליכט אין די שטובן.

ווייסט דען ווער ווי צו שעצן דעם גנאָד
וואָס איר טוט אין דער ערד פאַר אונדז אויבן?
ס׳דאַרף דאָך קומען צו אייך יעדע שטאָט,
פון געזיכט אייך צו קושן די שטויבן.

אייער קראַפט איז באַוווסט יעדן טייך,
אייער אָטעם די שיפן פון פראַנקרייך.
ס'דאַרף דער בירגער זיך בוקן צו אייך
און אייך טויזנט מאָל זאָגן: אַ דאַנק אייך.

שטיקער קויל, וואָס עס שענקט אייער האַנט,
דאַרפן צירונגען זיין דאָך געשעצטע;
דאַרפן פינקלען אין יחוס פון לאַנד
ווי בריליאַנטן אין סאַמעט פאַרזעצטע.

האָב איך גאָר עפּעס אַנדערש געהערט
(ווי צום לאַנד וואָס עס לאָזט איצטער הערן):
איבער אייך האָט די באָמבע געטרערט,
גלייך ווי אויסגעפּעלט וואָלטן אונדז טרערן...

יענע טרער, וואָס מיט קויל־שטויב פאַרמישט,
(אויך מיט דער, וואָס פון הארץ אויסגעריסן)
קיינמאָל וועט זי נישט ווערן פאַרווישט —
שוואַרצע טרער אויפן שוואַרצן געוויסן!

ווייל די שיין איז נישט זען אייך באַשערט,
ווילן קרייצן דאָס ליכט אייך די קראַטן;
ווייל איר גראָבט זיי דאָס גוטס פון דער ערד —
גראָבן־אויס אייך אַ קבר מאַגנאַטן.

אין דער ערד איינגעקריצט, ווי דער לאָם,
זענען אייערע טעג און די וואָכן,
ווייל איר ברעכט זיך אַריין אין איר תהום,
האָט די קויל זיך אין אייך איינגעבראָכן.

בלוט מיט שטויב פון דער שאָכטע פאַרקנעט —
וואָס זי זיצט נאָך געפאַלענע שבעה;
אויף דער שאָכטע פאַרבלייבן דאָס וועט,
ווי אַ זיגל אין אייביקן גליוועד.

כ׳זע אייך טונקלע, ווי שטיקער פון תהום,
יעדער ציט ווי אַ דראָענדע כמאַרע;
ווי אַ שטערן דורך איר — אייער לאָמפּ,
וואָס עס מאַכט אים די צוקונפט אַ וואַרע.

זאָל אייך זיין אויך דאָס ליד פון פּאָעט
צו דעם לאָם און דער קנויט אַ צושטייער,
ווען צום אָנצינדן ס׳לעצטע מאָל וועט
די געשיכטע באַפעלן אייך: פייער!

ביים ברעג פון ים...

מיט וואָס קען איך לויבן אייך, ברידער?
ווו נעמט מען פאַר שבחים די רייד?
אייך, וואָס איר באַשיצט אונדז די לידער,
די ליבע, דעם המשך פון צייט.

איר ים־לייט און וועכטער געניטע,
איר, וואָס די יבשה באַוואַכט,
דער טויט זאָל נישט האָבן קיין שליטה,
נישט לאַנדן אויף איר זאָל די נאַכט.

עס שלייכט זיך דער טויט ווי אַ גנב,
אין שיפן, מיט זאָרג און מיט פּליים
פאַרפּאַקט, און זיי זענען מהנה
בשפע דאָס קינד און דעם גרייז...

זיי שווימען, געשיצט פון דער פינצטער,
— אפילו דער שטערן זיי שטערט —
עס קוועלט זיי די ליכט־שיין די מינדסטע,
דער טאָג ווי אַ לאַסט אויף זיי שווערט;

געלאָסן זיך ציען, באַוועגן,
באַשמעקן פון ווייטן די ערד,
עס לעקט דער אַטלאַנטיק די ברעגן,
ווי ער וואָלט מיט גיר זיי פאַרצערט.

עס שלייכן זיך שיפן, ווי רויבער,
געלאָדן מיט אימה, מיט אנגסט,
ס'טראָגט הויך, ווי אַ יחסן, דער הייבער
מיט חשיבות אַ וואָגיקן טאַנק...

און מער נאָך... — ווי הינט פון די קייטן
זיי ווערן פון שטאָל אָפּגעלאָזט,
זיי זאָלן פאַרדאַרבונג פאַרשפּרייטן,
צעדריקן דעם שפּראָץ פונעם גראָז.

אַ טרויער דעקט צו די יבשה,
די ליבע אין הארצן ווערט קראַנק,
דאָס קעפּל פאַרוואַרפט אין חלשות
די רויז אויף איר קוסט, אויף איר שטראַנג...

און פּלוצלונג אַ וווּנדער אַנטפּלעקט זיך:
דער טויט פאַר די ברעגן בלייבט שטיין;
דער טויט פאַרן לעבן דערשרעקט זיך
און קען פונעם אָרט מער נישט גיין!

איר אויסלאַדער, ים־לייט, מאַטראָזן,
דאָס האָט איר דעם טויט אָפּגעווענדט.
ווי אַנמעכטיק שטייט ער, פאַרלאָזן —
פאַרלאָזן דורך אייערע הענט.

געווען ווי שפּאַרבער אָן פליגל,
איר האָט זיי דעם גיפט אויסגעפּרעסט;
איר, וואָס איר באַשירעמט אין וויגל
דאָס קינד און די שוואַלב אין דער נעסט.

די זון עפנט אויף די אַנטהילונג
פון קנאָספּן. דער לויב אייך געהערט,
איר, וואָס איר זענט ממשיך דעם פרילינג,
דעם גאַנג און די פרוכט פון דער ערד.

איר, וואָס איר באַשיצט אַלע צמחים,
פאַרהיט אונדז די שפּייז, דעם געדאַנק, —
ווו נעמט מען די ווערטער פאַר שבחים,
ווו נעמט מען די ווערטער פון דאַנק?

די שטים פון ביינער־טאל

געווידמעט דעם וועלט-קאָנגרעס פאַר שלום, פאַריז 1949.

אַ, ברודער, מענטשנקינד פון אורצייטן געכאַוועט,
וואָס דורות האָבן דיך געקאָרמעט און גענערט,
כאַפּ־אָן די זון — דעם גאַנג פון מעש געקאָוועט —
און שלאָג אַלאַרעם איבער גאָרער ערד.
כאַפּ־אָן און צי מיט קראַפט, ווי שנורן — אירע שטראַלן,
און וועק זי אויף מיט וואָרנונג ווי אַ גלאָק —
עס זאָל דער המשך פון דיין שטאַם נישט גיין פאַרפאַלן
און אַז נישט אויסגיין זאָל די שיין פון טאָג;
און זיין זאָל זי פאַר אונדז דער העכסטער קול מבשר
פון פריד־ און ליבשאַפט־ברענגענדיקע געסט,
בלויז אויסברענען זאָל זי די צונג פון האסער,
וואָס טראָגט צום קינד מגפה, סם און פעסט.
צעהוידע זי, די זון — דעם גלאָק פון גלעקער,
זאָל איר סכנה־רוף באַצייטנס זיין דערהערט
אום ס'זאָל זיך נישט די צווייג מיט בלי און בליי באַדעקן
און נישט מיט וויסטעניש — דער אָנגעזיכט פון דרערד.
דעם העכסטן גלאָק, אַ מוטערערד, דערהער אים!
ערשט נעכטן האָסטו זיך מיט בר־מיננס געשטיקט,

דער ראַב, פֿאַרשמירט אין בלוט, פֿאַרפּלאָנטערט אין געדערעם,
האָט צום תוהו־ובוהו זיין טריאומף־געשריי געשיקט.
אין פֿעלדער שלאָגט זיך אָן דער אַקער נאָך אויף ביינער,
אין שאַרבן־לעכער פֿאַלט דער זאַם, וואָס ווערט פֿאַרזייט,
דער קרבן שטשירעט נאָך פֿון דרערד די טויטן־ציינער —
דעם גאַרגל איבערבייסן ביי זיין הענקער גרייט.
ס׳געלעגער ברענט אויפֿסניי מיט פֿיבערן פֿון לייבער,
אַ זאַק מיט אומרו איז דאָס קישן יעדע נאַכט,
אין פֿלאַמען שרייט דאָס בעט. אַנשטאָט דער הייבאַם
עס שטייט דער טויט פֿאַר יעדער מוטערטראַכט.
קאַנאָנען ווי די רויב־שנאָבלען פֿון אומגעהויערס —
גרייט אויספּיקן דאָס הארץ, דעם שטראַל, דעם פֿערז.
זיי אָפּדרייען די קעפּ די גיריקע אין לויער —
עס לויפֿט צוזאַמען זיך דער גאַנצער אוניווערס.
עליכם שלום, פֿיל געשעצטע אורחים ליבע,
פּילגרימען ליכטיקע פֿון אונדזער שענסטן טרוים!
שטיי־אויף, מיין פֿאָלק, פֿון אַלע פֿייערן און גריבער,
זיי צו באַגעגענען אויך פֿון דיין טיפֿסטן תהום.
זיי גייען מציל זיין דיין שם, די פֿלאַנץ, דאָס בלימל,
דאָס ליכט פֿון פֿירמאַמענט, דאָס גראָז פֿון פֿליין,
דעם נפֿש אויף דער ערד און גאָט אין הימל
וואָס איז אוממעכטיק צו באַשיצן זיך אַליין.
נאָך רעטונג שטרעקן זיך אין רחמים בעטן, טישן,
דער בוים, וואָס מער וויל ער נישט זיין קיין טויטן־סלופּ.
עס וויל דער מענטש מנוחה פֿון אַ דאַך, אַ קישן,
און נישט די אייביקע מנוחה פֿון אַ מתים־גרוב.

מעג ער, דער תליון, גיין אין איידעלע מאַנזשעטן, —
דערלאַנג אים אויף אַ טאַץ דעם חשבון פול,
ווו ס'רופט דער גייסט פון סאַקאָ און וואַנזעטי,
באַזעצט אין באָסטאָן, ווי די שופטים, אויף אַ שטול;
און מעג ער קומען היינט צו דיר מיט האַנדשו ווייכע
פאַרוויקלען שלאַנגיש דיך אין זיין באַטרוג און האַס —
שטיי־אויף, מיין פאָלק, און זע, דערקען די שייכות
פון באָסטאָנער עלעקטרי און מאַידאַנקער גאַז.
מיט שטיקער פון דיין חורבן זאָלסטו זיי פאַרשטיינען —
דעם בעלן אויף דיין בלוט, דעם רויבער פון דער שיין,
דעם וועג פאַרצאַמען זיי מיט אונדזערע מיליאָנען ביינער!
פאַרשווענקען מיט די טרערן פון דיין נישט־דערהערט געוויין!
זאָל אונדזער שטיקנדיקער רויך זיי צו די אויגן שפּאַרן,
דערווערגן זייער קעל זאָל אונדזער אַש און שטויב,
ביז ס'וועט נישט פון דיין בלאָנקענדיקער כמאַרע
זיך אויסוויקלען די ווייסע שלום־טויב.
קום זיי באַגעגענען, געשעצטע, ליבע אורחים,
פּילגרימען ליכטיקע פון אויפגעוועקטן גלאָב,
געבויט, מיין פאָלק, צום האַרצן: פאָלג אים און געהאָרך אים! —
און לייג, ווי דיינע אורפאָטערס, דיין ברכה אויף זיין קאָפּ.
שליחים ליכטיקע, פאַרזאַמלט ווי די שטערן,
פון זיי, ווי ס'שטערנליכט, די שבועה זאָל דערגיין:
אַ, מוטערערד, דו וועסט נישט קיין מזבח ווערן,
דער מענטש וועט דיר קיין בראַנדאָפּפער נישט זיין!

די צינד־פלאש פון ווארשעווער געטא

אַ צינד-פלאַש פון געטאָ, אויף שפּליטערם צעריסן,
איך האָב אירע עכאָס די נישט-איינגעשטילטע,
וואָס ווילן פאַרבלייבן אין האַרץ, אין געוויסן —
אַ זכר פון אונדזערע גלאָריע-אַפּריל-טעג.

אַ פלאַש, ווי געוויינלעכע אַנדערע פלאַשן,
איר עבר איז נישטיק, איר יחוס — נישט וויכטיק.
האָט זי דען געטראַכט ווען די וועלט איבעראַשן
און מער פונעם פרילינג איר שיין זאָל זיין ליכטיק?

איר אינהאַלט אין לעבן געוועזן איז משקה,
מען האָט זי אַמאָל אויף „לחיים!" פאַרהויבן.
שטאָט אַנפילן גלעזער — גיי, וויים, וואָס אַ פלאַש קען —
זי וועט איצטער אַנפילן מענטשן מיט גלויבן.

געשטאַנען איז זי, ווי אַ שומר, ביי טעלער,
און שלום געמאַכט ביי מחלוקתן הייסע,
און אפשר געוואַרט אין אַ פינצטערן קעלער
צו גלאַנצן ביים סדר מיט „יין של פסח".

געוואָרן איז גיפט פון איר וויין יענעם אוונט,
די זיסקייט פון צמוקים — געגומען פארלירן
ביים סדר, ווען אַנשטאָט אליהו הנביא
אריין איז געשטאַפּאָ אין אָפענע טירן...

און מ׳האָט, אַנשטאָט וויין, אָנגעפילט זי מיט צאָרן,
מיט גאַל און מיט טרערן, מיט צער און געיאָמער.
לחיים! — צום פאָלק איז גערופן געוואָרן —
אין גלאָז דיינעם שפיגלען וועט זיך זיין נשמה...

לחיים! צעפלאַמטע, צעריסענע דעכער!
אַ בליץ — און מיט גבורה ארויף איז זי אויבן,
דעם הימל אַ שניט-געטאָן האָט זי און העכער
ווי משה די לוחות — מען האָט זי פאַרהויבן...

מיין טייערע פלאַש, האָסט מיט שטאָלץ מיך באַטרונקען,
פאַרפולט האָסטו אונדזערע הערצער ווי בעכער,
אָן דיר וואָלטן מענטשן ווי ווערעם פאַרזונקען,
פאַרשעמטע פאַרשרומפּן אין ווינקלען און לעכער.

דו האָסט זיך פאַרהויבן — מיר זאָלן נישט פאַלן,
און בלינד ווערן זאָלן מיר נישט פון בזיון.
באַשערט געווען וואָלט אונדז — ווען נישט דיינע שטראַלן —
אין חושך און תוהו ובוהו צו וואָיען.

געפלויגן מיט דיר איז דאָס האַרץ איבער דעכער,
געפלויגן — פון דיר און נקמה־פרייד שיכור.
אַ, וואָס פאַר אַ גליק, פאַרן שטאַרבן, דורך לעכער
צו זעען דעם פיינט אַ צעפליקטן אויף שטיקער!

זיין טאַנק שטעלט זיך אָפּ! — דאָס האָסט דו אים פאַרהאַלטן!
אַ גליק איז צו זען ווי אַ הילפלאָזער שטייט ער,
צו הערן זיין כאָרכל און גסיסה־געוואַלטן —
דער דופק פון פאָלק דורך זיין אָפּשטעל גייט ווייטער...

דער טאַנק איז פאַרהאַלטן! ער שטיקט זיך און סאַפּעט,
אָט שטייט ער מיט איבערגעקערטע געדערעם!
ס׳באַוועגט נישט דער פיינט מיט זיין פעל, מיט קיין לאַפּע... —
אַ, לעבן־געריוויש!... אין זיין שטילקייט כ׳דערהער אים...

מיין טייערע פלאַש, איך גיי אום ווי אַ שאָטן
אין ליידיקן געטאָ און כ׳קוש זיינע שטויבן
און ס׳אָרט, ווו דו האָסט זיך צעבראָזגט און צעשאָטן.
דיין יעטוועדן שפּליטער כ׳וועל זוכן און קלויבן.

כ׳וועל, שפּליטערס, אייך אויפקלויבן אַלע ווי פּערל,
און אייך ווי אַ צירונג דעם פאָלק איבערגעבן;
איך וועל אייך אין הימל צעהענגען ווי שטערן —
און ווידער באַלייכט אונדז די נאַכט און דאָס לעבן!

כ׳פֿאַרהויב דיך אויפֿסניי איבער ווענט, איבער דעכער,
מיין פֿלאַש, נישט פֿאַרלאָשן ביסטו און פֿאַרגאַנגען.
לחיים אייך, ברידער! מיר טראָגן זי העכער —
ביז ציַיטן און דורות אַריבערדערלאַנגען!

פֿאַרשטויבטע כּתבֿ־ידן

מיין מאמע ביי די שבת־ליכט

ביים צוגעדעקטן, פראָסטן אַרבעטס־טיש דעם גרויסן
(וואָס געדענקט שוין נישט פון לאַנג דעם קלאַנג פון אַרבעט)
בענטשט מיין מאַמע אירע שבת־ליכט.
ווי נייגעריק בין איך אַצינד צו זעען איר געזיכט;
ווי מאָדנע און געהיימניספול באַדאַרף עס אויסזען
אונטער אירע הענט פאַרדעקט.
זי האָט זיי נאָר־וואָס צו די לייכטער אויסגעשטרעקט,
מיט זיי געפאָכעט ווי מיט פליגל פון אַ פויגל,
וואָס מאַכט שוין די הכנות צום פאַרדעקן
זיינע פיצעלעך אַנטקעגן נאַכט...
און ס׳האָבן דאַן דער מאַמעס בענטשנדיקע הענט
די שאָטנס אירע נאָכגעקרימט, איר נאָכגעמאַכט,
אַזש בייז געווען בין איך, מיך האָט פאַרדראָסן:
ווי וואַגן מיאוסע שאָטנס אויף די ווענט
נאָכצומאַכן גאָר מיין מאַמעס הענט?...

מיין מאַמע פאַר די צוויי פאַרדאַרטע שבת־ליכטלעך,
וואָס דער קרעמער האָט אויף באָרג אָן חשק איר געגעבן.
איר דאַכט, צוויי זיילן זענען דאָס, וואָס שפאַרן־אונטער

איר הויז און הויזגעזינד, איר גליק און לעבן.
שטייט זי איצטער לעבן זיי און בעט
פאַר ארבעט, פאַר געזונט, פאַר ברויט צו זעט,
און לויט די פינגער אירע און די ציטערדיקע פּלייצעס,
מיר דאַכט זיך ווי זי וואָלט געוויינט אצינד

און באַלד, די שבת-ליכטלעך ווערן קליין,
דער מאַמעס חלבענע זיילן פאַלן איין,
זיי נעמען צאַנקען, שמעלצן און צעגיין,
און שאָטנס דעקן-צו דער מאַמעס שטיל געוויין. — — — — —

און ווען ס'איז ווידער פרייטיק, שטייט זי אויפדאַסניי
פאַר די דאַרע גראַשנדיקע ליכטלעך
(וואָס דער קרעמער גיט איר קוים אויף באָרג)
און מיט אירע הענט און איר אמונה
פאַרשטעלט זי זיך אַליין איר פּנים און איר זאָרג...

וואַרשע, 1936.

א פרימאָרגן אין דער היים

אַ פרימאָרגן אין דער היים.
ווי שפּעט ס'איז ווייס איך נישט —
דער זייגער אויף דער וואַנט
איז קאַליע שוין פון לאַנג.
גלייכגילטיק און רואיק הענגט דער אומרו —
אַ שטומע צונג.
דאָס פּערטע פּיסל
פון אַן אַלטער און צעהאַקטער טאַבורעטקע
האָט אינגאַנצן אויסגעברענט אין קיכל
און דערוואַרעמט קוים אַ טשייניק וואַסער.
מיט אַ דינעם בליק, ווי מיט אַ מעסער,
מעסט מיין מאַמע דורך אַ ברויט
און רעכנט אויס,
צי ס'וועט זיין גענוג אויף היינט
צי נישט,
און מיט אַ ציטערדיקער האַנט
און מיט אַ שווער געמיט און האַרץ, —
אַ, מיט אַ שווערער האַרץ,

ווי בעת מען לאָזט אַראָפּ אין ים אַריין
שווערע, פולע זעק מיט שפּייז־פּראָדוקטן —
לאָזט זי פּאַרזיכטיק אַראָפּ אין אַ גלאָז טיי
צוויי שטיקלעך צוקער...

וואַרשע, 1935.

א נייער קאַלענדאַר

מיין טאַטע האָט געקויפט אַ נייעם קאַלענדאַר,
הענגט ער אויף דער וואַנט ביי אונדז אין שטיבל,
קוקט אַראָפּ פון אים אַ צדיק אין אַ ראָס,
אַ צדיק אין אַ טכויר, צי אין אַ ביבער.

זייט מוחל, רבי, האָט נישט קיין פאַריבל
וואָס עס זיצט אַ יונג מיט אַ טשופרינע,
געבויגן איבער ביכער קעגנאיבער,
און נאַכט נאָך נאַכט ער לאָזט נישט צו די שכינה...

עס קוקט דער יונג און ס׳קוקט דער צדיק — ברוגז.
מיר דאַכט, ער זיצט אין בילד ווי אַ פאַרשפאַרטער,
קערט אָפּ אַן אומצופרידענער די אויגן,
און ווי מיט אומגעדולד דאָס ענדע יאָר דערוואַרט ער...

רינט ווילגאַטנע פייכטקייט אויפן קאַלענדאַר,
רינט אַראָפּ פון וואַנט אין אונדזער שטיבל,
איז נאָס דעם צדיקס שטערן, קוק איך און מיר דאַכט:
ס׳שוויצט דער צדיק אין זיין שטריימל, אין זיין ביבער.

און דאָך איז קאַלט — ס'איז קאַלטער יאַנואַר,
ס'איז קאַלטער יאַנואַר אין קאַלטן שטיבל —
און קאַלט דאַרף זיין דעם צדיק אויפן קאַלענדאַר —
זייט-זשע מוחל, רבי, האָט נישט קיין פאַריבל.

וואַרשע, 1934.

ווי ליב ס'האבן קינדער דעם ליכטיקן שניי...

ווי ליב ס'האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי.
קען זיין נישט דערפאַר, ווייל עס חלומט זיך זיי,
(ווען זיי טוען אַ קוק אינדערפרי אין די שויבן),
אַז דער הימל אַליין לאָזט אַראָפּ זיך פון אויבן
און צעשיט זיך אין שטיקעלעך ווייס אויף דער ערד
און אַלצדינג זעט אויס ווי פאַרקערט, ווי פאַרקערט...

ווי ליב ס'האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי
פרימאָרגן, נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף,
פאַרוווּנדערט, פאַרגאַפטע, אָן לשון,
און זעען אין פענצטער: עס שיט אָן אַ סוף.
דאָן דאַכט זיך זיי אפשר, דאָן חלומט זיך זיי:
דאָס שיטן זיך זילבערנע גראָשנס.
זיי ווייסן, דער טאַטע איז לאַנג שוין אין שטאָט,
אַוועק ווען עס האָט אויף באַגינען געבלאָזט,
און ערגעץ־ווו אין אַ פאַרשנייעטער גאַס
זיין רידל וועט שרייען פאַר קעלט, און אין כעס
דעם זילבערנעם כּישוף צעשטערן.
דערפאַר וועט דער טאַטע פאַרנאַכט אויפן טיש

אוועקלייגן זילבערנע גראָשנס אַ ריי
און איינס אויפן צווייטן, ווי שופּן ביי פיש,
און ליכטיקע בייגל און גאָלדענע הערינג
און מילך אין אַ פלעשל — אַ פלעשל מיט שניי,
אַ בייטעלע צוקער — אַ בייטעלע שניי,
אַ פּאַפּירל מיט קעז — אַ פּאַפּירל מיט שניי.
די פּייערקעס וועלן, ווי גאָלד־רינגען, שיינען
און אויפשפּילן פריילעך ביים זידן — דער טשייניק,
אַזש יאָגן זיך וועט אַ צעשויבערטע פּאַרע,
ווי ביים טאַטן פון מויל ביי דער אַרבעט, ביים שאַרן,
אין פאַרשנייעטן ראָג, אין דער טונקעלער ריי...

— — — — — — — — —

ווי ליב ס'האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי...

דערוואַרטונג

ביינאַכט דערהער איך ס'הייזעריקע גלעקל פונעם טויער, —
ווער קלינגט דאָס אַזוי שפּעט?
באַלד קומט אַרויס דער סטרוזש פאַרשלאָפן, בייז,
פאַרוויקלט אין זיין פּעלץ — אַ שרעקנדיקער אומגעהויער —
וואָס ער טראָגט אים שוין ווער ווייסט פון וויפל יאָרן,
און מיט זיין הויכן, קלינגענדיקן הוסט,
וואָס ער האָט אים שוין ווער ווייסט פון וויפל יאָרן.
איצט פאָרעט ער זיך דאָרט ביים שלאָס מסתמא
און טרעפט נישט אין דער פינצטער, שעלט און הוסט
און נעמט „זאַ בראַמע"...

נאָכדעם קלינגען אָפּ די טריט פון שכנים
אויף די שטילע שטיינער פונעם הויף,
נאָר איך שטיי און הער זיך איין
און טרעף שוין:
קען זיין, מען איז נאָך מיר געקומען,
אפשר,
ס'קען דאָך זיין...
ערשט יענע וואָך, ווי איצטער, אַזוי שפּעט,
געקומען איז מען אויך צו עמעצן פון פערטן שטאָק.

געקומען, אַנגעקלאַפּט, גענומען פונעם בעט...
און כ'הער, די טריט דערנעענטערן זיך שנעל,
אַט זענען זיי שוין אין מיין קאָרידאָר,
אַט זענען זיי שוין נאָענט ביי מיין שוועל.

זיי קענען אַנקלאַפּן אַצינד ביי מיר אין טיר
און הויכע, טונקעלע, אַריינפאַלן, ווי שטיקער נאַכט,
און שטרענג באַפעלן: אויפהייבן די הענט!
דערנאָך מיט שטעכעדיקע אויגן און מיט לעמפלעך
לאַנג נישטערן ביי מיר אין אַלע ווינקלען,
אין שופלאָד,
אין פּאַפּירן,
אין מיין האַרץ.

און כ'הער זיך איין
ווי ס'גייען אַלע טריט פאַרביי מיין שוועל
אַרויפצו, העכער, אויף די שטאָקן —
דאָס גייען שפּעטע שכנים נאָך אַהיים.
און לאַנג נאָך, לאַנג
באַגלייט זיי מיין פאַרדרוס
(פאַר האָבן מיך אומזיסט געשראָקן)
און מיין דאַנק —
איך דאַנק זיי זייער —
וואָס זיי, די שכנים, זענען דאָס געוועזן די שפּעטע גייער...

וואַרשע, 1935.

נאך האלבער נאכט

שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, קינד.

עס האָט ווו אַ יידישער דיכטער
געוואָלט דיך פאַרשפּילן מיט אַ ליד
וועגן דעם,
אַז נאָך האַלבער נאכט
קומען אין שטוב אַריין מתים
אין ווייסע קיטלען און טליתים,
(ווי דען?)
און זיי מישן אין די ספרים
און שאָרכן אין די בלעטער —
נאָר שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, קינד,
עס קומען נישט קיין מתים צו אונדז,
נישט נאָך האַלבער נאַכט,
נישט נאָך האַלבן טאָג
און נישט קיינמאָל, —
זיי קומען בלויז אַהין
אין יענעם ליד,
אָנגעטאָן בלויז
אין ווייסע קיטלען
פון בייגעלעך פּאַפּיר.

שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, קינד.

ס'זענען איצט, נאָך האַלבער נאַכט,
מענטשן געקומען צו אונדז —
פרעמדע מענטשן מיט פרעמדע שאָטנס אויף די ווענט,
און זיי זוכן אין פּאַפּירן
מיט לעמפּלעך בלענדיק־ווייסע,
און זיי מישן די ביכער
און שאַרכן אין די בלעטער, —
נאָר שרעק זיך נישט, שרעק זיך נישט, קינד, —

דאָס זענען נישט קיין מתים...

שמולעוויזנער געסלעך *)

געסלעך, געסלעך, איינגעזונקען ביז די לענדן
אין בלאָטע און אין וואַכיקע מעת־לעתן.
שטיבלעך — קליין, ווי קעסטעלעך, ווי קינדער־שפּילצייג,
וואָס אָפּגענוצטע וואַלגערן זיי זיך פאַרגעסן.

שטייען זיי דאָ איינס ביי איינס געבויגן, נידריק,
ווי ס'וואָלט זיי ווער צום איינזינקען פאַרשאָלטן.
אָ, שטיבלעך — שפּילצייג, ווער זאָל מיט אייך שפּילן? —
די פרייד פון קינדער איז פאַרקניפּט אין בארשטן־קאָלטנס.

פאַר זיי, די קינדער, איז דער סם פון האַריקן געפּלאָנטער
און זייער גרינס — דער מאָך פון דעכלעך אַלטע, קרומע.
און דאָס איז שמולעוויזנעס גרינער יום־טוב,
דאָס זענען אירע פרילינגן און זומערס...

שטאָט אירע קינדער, צערטלט זי די האָר פון דבר־אחר,
זיין חשובע ירושה צוואַגט זי און זי רייניקט,
און פון די קעסלען שטייגט אַרויף אַ פּאַרע ווי דער קטורת
פון אָפּפער — אירע טעג דערהרגעטע, פאַרפּייניקט.

---

*) שמולעוויטש — געווען אַ געגנט פון יידישער אָרעמקייט און בערשטער־אַרבעטער אין מעזריטש.

דו קוקסט מיך אָן מיט שטוין און חשדים, שמולעוויזנע,
מיט חידוש עפנסטו, ביים זען מיך, דיינע נאָרעס.
זיי זיכער, כ׳בין דיר נישט קיין פיינטלעכער מרגל
און בין דיר נישט קיין פרעמדער אורח, נאָר אַ קרוב.

ווי מענטשן אָרעמע, וואָס שעמען זיך מיט זייער הילוך,
קען זיין, דו ווילסט, איך זאָל אויף דיר נישט קוקן.
באַלד, ווי אַ בידנע קרעמערין איר בידנע אַלטוואַרג,
די נאַכט וועט מיט אַ טונקלען פאָרהאַנג דיך פאַרוקן.

פאַרלוירן גייסטו דעמאָלט אין דער חשכות, שמולעוויזנע,
קיין הויז, קיין טיר. ווי אַלץ ווערט אויסגעמישט דאָ.
נאָר ס׳טרעפט... מען טרעפט ביינאַכט צו אירע טיר־און־טויער...
אַ פרעמדע שיין פון לאָמפּן זוכט ביי איר און נישטערט...

ווערט דעמאָלט אין אַ הייזל אַזוי מאָדנע העל און ליכטיק,
ווי אויף אַ זעלטן שמחה־מאָלצייט, צי אַ יום־טוב,
און ס׳פירט צוריקוועגס עמעצן די שיין געפאַנגען,
און ליידיק שרעקט אַ בעט, ווי נאָך אַ מת אַ נאָענטן...

און ווידער שטיל איז שמולעוויזנע, ווי פאַרטייעט,
צונויפגעגאָסן מיט דער חשכות, איינס געוואָרן,
און ווי אַ שווער־באַעוולטע, געפלאָגטע חיה,
האַלט־איין דעם אָטעם פאַרן שפרונג אין כעס און צאָרן.

מעזריטש־וואַרשע, 1935.

אין יאָר 1920

כ׳געדענק אייך, רויטאַרמייער, פאַרפאַליעט און פאַרקוויטיקט,
פאַרבלאָטיקטע פון וועגן, פון פראָנטן און אָקאָפּעס,
צעשטעלט ביי מיינע שטעטלדיקע, זומערדיקע פלויטן,
צעשטעלט אין מאַרק ביי ווענט פון הייזער און פון שאָפּעס.

כ׳געדענק אייך, רויטאַרמייער, געצומענע אין פלען,
מיט העמדער־פּאָסן באַנדאַזשירט, אונטער ביקס פון שונאים.
ס׳האָט דעמאָלט דער באַגין דורך שפּאַרעס רויט געברענט,
ווי צוויטן פון צעריסענע, צעפליקטע רויטע פאָנען.

מיט איין פוס אַ באָרוועסן, דעם צווייטן מיט אַ לאַפּטשע —
האָב איך געזען אַ נאַקעטע דיך, רוסלאַנד, שפּאַנען;
די פאַרשטויבטע הויזן, די באַקענע רובאַשקע,
פאַרלאַטעטע מיט שטיקער פון פּריצישע דיוואַנען.

כ׳האָב נישט געציילט די ראָטעס, די אויסגעשטעלטע שרענגעס,
ווען ס׳איז דער צוג געשטאַנען, ווען ס׳האָט דער צוג געוואַרט,
כ׳האָב צוגעזאָגט צו קומען און אַ ברייטל ברענגען
און כ׳האָב געברענגט, פאַרטיילט אייך אַ רעפטל אַ פאַרדאַרטס.

און איר האָט מיך אַ קליינינקן גערופֿן מיט די הענט,
ווי טאַטעס ערשט-געקומענע, ווי טאַטעס נאָענטע, ליבע,
און כ'האָב זיך צוגעהערט און כ'האָב זיך פֿאַרגעדענקט
די ווערטער: „מאַלאַדיעץ", „טאָוואַרישטש" און „ספּאַסיבאָ".

איר זענט אַוועק. ס'האָט דעמאָלט אייער טראָט געקלונגען
אונטערן באַפֿעל און אונטער ביקס פֿון שונאים.
דערנאָך האָט מען ביי אונדז געהוליעט און געזונגען:
„איי וויי, ווען לעיבוש איז אַוועק אויף דער מלחמה"... — — —

אַוועק שוין זענען טעג אַ סך פֿון יענעם זומער,
און איר האָט זומערס נייע מיט אייער בלוט דערוואַרעמט;
פֿון אייערע געווערן שלאָגט מיט שיין און שימער
און אייביק שטראַלט דער פֿרילינג אין אָקטאָבער...

וואַרשע, 1934.

די לוויה פון וולאַדיסלאַוו קאַזאַק

די לוויה פונעם פּוילישן אַרבעטער וולאַדיסלאַוו קאַזאַק, וואָס איז געפאַלן אויף אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטסלאָזע אין לעמבערג, אַפּריל 1936, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין העראָישע קאַמפּן.

אָן ווייִנענדיקע, מעשענע טרומייטן
בראַש פון אַ געלאַסענער קאָלומנע —
מיט שוועריע קעפּ, אַנטבלויזטע, ווי דער ווייטיק,
מאַרשירן די חברים מיט דער טרומנע —
די טרומנע מיט וולאַדיסלאַוו קאַזאַק.

די רייכע גאַסן איז אַ שרעק באַפאַלן
פאַר אונדזער טויט — נישט בלויז פאַר אונדזער לעבן —
און לעכערן די רו מיט ביקסן־קנאַלן,
די לעצטע רו, וואָס איז דעם טויט געגעבן —
דער טרומנע מיט וולאַדיסלאַוו קאַזאַק.

אין רויטער פאָן פאַרהילט, אַרומגעוויקלט,
ווי ס׳וואָלט דאָס בלוט פון ברוסט זיך אויפגעהויבן;
זי ווערט צעפּליקט פון שאָסן און צעשטיקלט,
נאָר שטראַלן לאָזן זיך אַראָפּ, ווי הספּד־לויבן —
אויף דער טרומנע מיט וולאַדיסלאַוו קאַזאַק.

אין טרומנע קלאַפּן הילכיק די געווערן,
זי לאָזט אַראָפּ זיך צווישן די באַגלייטער
און זינקט, ווי ס׳זינקט אַ שיף, וואָס וויל נישט ווערן
פאַרכאַפּט פון שונא... און אַט שטייגט זי ווייטער —
די טרומנע מיט וולאַדיסלאַוו קאָזאַק.

צי האָט ווען ס׳איז אַ מת אַזוי געשראָקן?
אַט פאַלן שמאָרן צו פון אַ פּאַסאַדע,
באַשיצט פון גראַנאַט-בלאָע צוימען-בלאָקן,
נאָר זי — אַנטקעגן, ווי אַ באַריקאַדע —
די טרומנע מיט וולאַדיסלאַוו קאָזאַק.

אַרום זיין טויט, אין לעצטער רו און שווייגן,
דאָס לעבן האָט געשטרייט מיט קראַפט און צאָרן.
די זאַלפּן פליען-אָן, ווי ווילדע פייגל,
אַרויסצופּיקן שטיקער פון זיין צאָרן —
די טרומנע מיט וולאַדיסלאַוו קאָזאַק.

דער לעצטער ראָג. דאָס טויער פון בית-עולם.
נאָך יאָגן נאָך די הוילע רעוואָלווערן.
ווי לעצטע טשוועקעס פאַלן-צו די קוילן,
ווי לעצטע טשוועקעס און ווי ערשטע ווערעם —
אויף דער טרומנע פון וולאַדיסלאַוו קאָזאַק

אדורכגעריסן זי דורך פייער־שלאַקסן,
זי — ווי אַ פּאָן אין שלאַכט — נישט אָפּגעגעבן.
דיין טויט דערטראָגן אויף די ברידער־אַקסלען —
אַזוי דערטראָגן וועלן מיר דאָס לעבן,
חבר ווּלאַדיסלאַוו קאַזאַק.

.1936

מיין פאָטאָגראַפיע

ערגעץ, הינטער אייזערנע שטאַכעטן,
אין אַ פרעמדן זאַל אַ לאַנגן,
קוקט דאָרט פון אַ גראָער פאָטאָגראַפיע
מיין בליק — ווי פון אַ תּפיסה־צעל —
געפאַנגען.

און דרויסן, אויף די רעדער פון טראַמוואַיען,
דרייט זיך, ווי אַ גיכע קאַרוזעליע,
דער שיינער פלאַץ פון אונדזער שטאָט,
אַוועק, אַוועק צו גאַסן און אַלייען.

עס שלאָגט דער ברוק מיט טעגלעכן גערויש,
עס שלאָגט דער טאָג מיט רעשיקער באַוועגונג.
נאָר דאָרט, אין פרעמדן זאַל,
איז אַלץ געהיים און שטום,
פּאָרטרעטן אין סודות שטייען שטיל די ווענט,
און פון אַ שווערן, טונקעלן אַלבום, געפאַנגען,
קוקט מיין בליק,
און חלומט און געדענקט:

אין איינעם אַ געוויינלעכן און פּראָסטן אינדערפרי,
ווי היינט צי נעכטן,
די זון האָט יאָ געשיינט,
די זון האָט נישט געשיינט
(נישט וויכטיק)
האָט מען מיך אַהערגעברענגט
אָן אומגעריכטן.
און לעבן מיר, ביים פרעמדן טיש,
האָט זיך אַ פעדער פלינק צעסקריפּעט,
געלאָפן גיך, געלאָפן גיך,
און שטיין געבליבן
און געוואַרט,
געלאָפן ווידער.
מען האָט פאַרשריבן דאָרט מיין יחוס,
וועגן מיר,
און וועגן מיינע לידער,
וואָס כ׳האָב נאָך נישט אָנגעשריבן...
און ווי אַ שנאָבל האָט דער שפּיץ פון פען
געפּיקט אין מיין זכרון:
— ... „נו, דערמאָן זיך גוט...
איז וווּ איז דאָס געווען?...
און ווען?"... —
און ס׳האָט די פעדער אַלץ געסקריפּעט, אַלץ געסקריפּעט...
מ׳האָט מיך דערנאָך געפירט צום פאָטאָגראַף.

איך בין געשטאַנען ביי אַ וואַנט —
נישט דעקאָרירט מיט בלומען,
וואַסערן, און שווימענדיקע שוואַנען...
מ׳האָט נישט געבעטן זיך:
— „אַזוי...
אַן אָנגענעמען אויסדרוק אויפן פּנים,
רואיק,
ביטע, ביט...
אַ דאַנק...״ —
כ׳האָב נאָר געהערט אַ שטים
ווי אַ קאָמענדע:
— „דעם קאָפּ צו מיר,
דעם קאָפּ אויף רעכטס, אויף לינקס.
געענדיקט.״

אַפּנים ס׳האָט געוווּסט מיין פּנים, וואָס צו טאָן —
ווייל צום פּראָפיל,
צום רעכטן און צום לינקן,
און אַנפאַס,
האָט עס בשום אופן נישט געוואָלט
מאַכן עפּעס אַ גרימאַס
פון האַס צי פון פאַראַכטונג.
אַפּנים ס׳האָט געוווּסט מיין פּנים וואָס ס׳איז גלייכער —
ס׳האָט בלויז געשמייכלט...

פון דעמאָלט אָן, פון יענעם אינדערפרי,
קוקט דאָרט פון דער גראָער פאָטאָגראַפיע
אַ געפאַנגענער מײַן בליק.
און אויב איך האָב זי קיינמאָל נישט געזען,
האָף איך זי נאָך אָנצוקוקן ווען עס איז,
און איך,
הגם איך בין דאָרט איצטער גראָד נישטאָ,
ווייס איך, ס'איז מײַן חלום דאָרט פאַראַן
אינעם שווערן, טונקעלן אַלבום,
ווו מיט די פּאָזעס,
רעכטס און לינקס און גלײַך,
קוק איך זיך אַרום;
איך טו אַ קוק צו פאָטאָגראַפיעס לעבן מיר —
צו שכנים, פרײַנט אויף שטיקעלעך קאַרטאָן,
מיט נישט־פאַרקעמטע האָר
און מיט פאַרשלאָפן־מידע אויגן —
פרײַנט געברענגטע פון געלעגערס,
אין די נעכט.

דאָרטן, אונטער יענע פענצטער, גייט דאָס לעבן,
ווי די וואָכן, טוישן זיך מעת־לעתן,
נאָר אין מײַן דעפּענסיווע־פאָטאָגראַפיע
קאָן איך בשום אופן נישט פאַרגעסן.

עס שלאָגט דער ברוק מיט טעגלעכן גערויש,
עס שלאָגט דער טאָג מיט רעשיקער באַוועגונג,
און הינטער די שטאָכעטן,
אינעם פּרעמדן זאַל,
חלומט אַלץ מײַן בליק —
ער חלומט דאָרט פון אַ באַגין,
ווען נישט ווייט פון די אַרכיוו-אַלבומען
וועט זיך אויפֿן הויכן ראַטהויז-טורעם
אַ נצחונדיקע פאָן
צעקושן מיט דער זון,
און פון אַלבום,
אין אַלע פּאָזעס און אין אַלע זייטן
וועט מײַן גראָע פאָטאָגראַפיע קוקן,
מיט פאָטאָגראַפיעס אַנדערע אַ סך,
קוקן צום אַרום,
צום פלאַץ אַראָפּ, צום דרויסן דעם באַפרייטן,
און שמייכלען,
שמייכלען —
אין טריאומף...

ווארשע, 1936.

דער מאמעס וואנדערונג

1

אויף דער ערד האָט געשפּאַנט מיין יאָרהונדערט, געשפּאַנט פיר און דרייסיקסטע יאָר.
געאיילט האָבן הארבסטיקע, טונקעלע כמאַרעס, נישט ווייסנדיק ווו.
אויף דער ערד איז געגאַנגען אַ פויערטע פון אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף
אויפן וועג צו דער קרייזשטאָט, צום אויספאָרשונגס-אַמט, צו איר זון.

הינטער איר: אָפּגעגאַנגענע שטרעקעס אין וואָגל, אין נעפּל, אין ווינט;
פאַר איר: נייע שטרעקעס, וואָס קומען מיט פרעמדקייט אַנטקעגן,
נאָר זיי שרעקן נישט, ניין, און זי גייט און זי גייט, זי מוז קומען אַהין,
זי זאָל וויסן אַפילו צו גיין און זיך שלעפּן אַזוי ביזן סוף פון די וועגן.

וואָס טראָגט זי עס איצטער אַוועק מיטן בלאָטיקן שליאַך צו דער פרעמד?
צו די הויכע געמויערטע ווענט פונעם אויספאָרשונגס-אמט? —
אַ בענקשאַפט צו יאַשן, איר זון — אונטער לייבלעכן, וואַרעמען העמד;
אַ ווייטיק — פאַרהילט אין איר קאַפּטן, וואָס נאָך פון איר חתונה שטאַמט;

פיר פלעצלעך מיט מאָן, וואָס ר׳האָט ליב, אַ גראָב לייבל — ערשט נעכטן געוואַשן;
צוויי העמדער, אַליין אויסגעאַרבעט פון היימישן, פוילישן לעַן;
אַ שפּענצער און וואַרעמע אָניצעס — אַלץ פאַר איר זון, פאַר איר יאַשן.
און זי גייט און זי גייט און זי מוז זיך נאָך היינט מיט אים זען.

און פאַרוואָס, טראַכט זי, זאָל מען נישט לאָזן זי זען זיך מיט אים, מיט איר יאָשן?
צי האָט זי נישט איבער זיין הילצערנעם וויגל אַמאָל זיך געבויגן, געוואַכט
און אים נישט געכאָוועט, ווי מ'כאָוועט אַ קעלבל אַ קליינס אויף דער פּאַשע,
און אים נישט געקאָרמעט, ווי ס'קאָרמעט דער פויגל אַ שוועלבעלע אונטערן דאַך?...

זיי זענען דאָך אויך, גלייבט זי, קריסטן אַזעלכע ווי זי — פאַרוואָס זענען זיי שלעכט?—
גייט זי און רעדט צו זיך זעלבסט אויפן וועג צו דער קרייזשטאָט, אַהין.
זי וועט נישט אַוועק דאָרט און בלייבן ביים פענצטערל אונטערן אייזן-געפלעכט
און שמייכלען אַרויף, ווען זי וועט אים דערזען: איך, דיין מאַמעלע, קינד!...

וועט אונטער איר שמייכל דאָס אייזן פון טויער צעשמעלצן, צעגיין,
און ס'וועט זיך צערוקן די וואַנט — וועט זי בלייבן פאַר אים אַזוי נאָנט. — — — — —
און האַרבסטיקער נעפּל וועפּט אוים און דער הימל פאַר איר ווערט שוין ריין
און ס'צערוקט זיך די רחבות און ס'גייט איר אַנטקעגן דער וועג און די שטאָט.

2

מיט גאווה פאַריסן פאַרהייבט זיך די מויער פון אויספאָרשונגס-בנין,
די שויבן געקרייצט און געקרייצט איז דאָס ליכט מיט אַן אייזערנעם שנים.
ווער ס'קומט נאָך ידיעות און ווער אַ פאַרלוירענעם קרוב דאָ אָפּצוגעפינען,
ווער איינזויגן זיך מיטן בליק אין אַ קינד בעת דער קאַרגער וויזיט.

איז זי אויך געקומען אַהער פונעם וויטן, פאַרוואָרפענעם דאָרף,
מיט שפּורן פון אַלערליי בלאָטעס אויף אירע פאַרמאַטערטע פּים.
וווהין זאָל זי גיין און זיך פרעגן? צו וועמען דאָ רעדן אַ וואָרט?
נאָר באַלד ווערט איר גוט — זי דערזעט דאָ אַ סך נאָך אַזעלכע ווי זי.

אַ מענטש, זעט זי, הינטער אַ צוים, עפּעס אויף אַ מאַשינדל נעמט רעשן,
איר בליק, אַ נישט־דרייסטער, עניוותדיק גיט דאָרט אַהינצו אַ בלאַנקע.
אַ, לאָזט זי, זי דאַרף זיך דאָ עפּעס דערוויסן פון אים, פון איר יאַשן, —
נאָר דער טיש קוקט זי אָן אַזוי פרעמד, כאַטש אַ גרינער אַזוי ווי די היימישע לאַנקע...

— פילאַ יאַש... צוואַנציק יאָר... פון דער גמינע... — לייענט איינער אַרויס איר
פון בלעטער —
און איר זענט די מוטער?... אַ תכשיט האָט איר אויפגעכאָוועט אַ פיינעם!...
אַ, פיין גאָר... נאָר אַלטע, איצט קען מען נישט זען אים, פאַרנאַכט־צו, קומט שפּעטער.
אין קאַרצער איז ער פאַר אַ בונט אין דער צעל מיט די חברה־לייט זיינע...

איז שפּעטער געוואָרן. פאַרנאַכט אין די שויבן — צעשניטענע, קליינע קוואַדראַטן.
געפלאַטער פון פּשוטע שאַלן און אומגעדולד שטילער פון פּשוטע מאַמעס,
און איר שאַל פלאַטערט אויך, שוין פון אַלטקייט אַ גרינער, און זי אַליין פלאַטערט.
פאַרבלייבט מען אין אויספאָרשונגס־אַמט — בלייבט זי וואַרטן מיט אַלע צוזאַמען.

וואָס האָט זי געברענגט איצט אַהער פאַר די טישן פון אויספאָרשונגס־אַמט? —
פיר פּלעצלעך מיט מאָן, וואָס ר׳האָט ליב, אַ גראָב לייבל, ערשט נעכטן געוואַשן;
אַ בענקשאַפט — פאַרקנעפּלט אין חתונה־קאַפּטן פון אַלטן געוואַנט —
נאָר פאַרוואָס לאָזן זיי זי נישט זען זיך מיט אים, מיט איר יאַשן?!...

— פילאַ יאַש... צוואַנציק יאָר... פון דער גמינע... — לייענט עמעצער ווידער —
יאָ, עס שטימט... ער איז מער נישט ביי אונדז, עס איז פריער אַ טעות געווען...
אוי, אוי, אַלטע, צופיל קענן פאַטערלאַנד האָט אייער תכשיט גערודערט,
איצט איז ער אין תפיסה ביי אונדז מער נישטאָ, נאָר אין קאַרטוז־בערעזע...

— זאָגט, וואָס ווילט איר פון אים?!—גיט אַ פּייטשקייט ביי איר אַזאַ שפּאַר צו די אויגן,
און ווי דורך שטאַכעטן, דורך אירע פאַרהויבענע פינגער, אַ טרערעלע קאַפּעט.
זי הערט אַ געבייזער: — נו, לאָזט צו אַ צווייטן. וואָס, וויינען? אַזוי גאַר?
ביי זיך אין דער היים דאָרט, גענוג, נו, גענוג שוין!... אַך, סאַרא היסטערישע באַבע!...

און זי פּילט קוים אַרום זיך דעם שאַלן-געשאַרך און ווי מ׳זעצט זי אַוועק אויף אַ באַנק:
— נו, באַרואיקט זיך, טייערע מיינע, וואָס קען דען דאָ העלפן געוויין?...
איר זענט דאָך נישט איינציק אומגליקלעך ביי אונדז אינעם לאַנד...
זעט, מען לייגט זיך צונויף אויף אַ פורל, נו, קומט, איר וועט פאָרן אַהיים.

3

קאַרטוז-בערעזע... קאַרטוז-בערעזע...
זי ווייסט וואָס עס איז, יאָ, זי האָט שוין געהערט.
ס׳איז אין פּאָטערלאַנד ערגעץ פאַראַן אַזאַ שטאָט,
איז פאַראַן, איז פאַראַן אַזאַ שטאָט הינטער דראָט,
שיקט מען אַהין דאָרט אַזעלכע ווי יאַש,
אויף וואַסער און ברויט, אויף יסורים און פּיין,
שיקט מען אַהין דאָרט אַזעלכע ווי יאַש,
שיקט מען אַוועק הינטער דראָט.

קאַרטוז-בערעזע... קאַרטוז-בערעזע...
האָט זיך געהוידעט די פור אויפן וועג,
האָט זיך געהוידעט, געהוידעט איר קאָפּ,
און מיט אויגן פאַרשלאָפענע זעט זי קוים-קוים:

דעם אַנטרייבערס פּלייצע איז טונקל און שטום.
— שפּאַר, מאַמעלע, צו דיין פאַרמאַטערטן קאָפּ,
לייג אַוועק אויפן ווייכן און וואַרעמען שטרוי
פאַר אַלעמענס גראַשנס, פאַר אַלעמענס גאָב.

קאַרטוז־בערעזע... קאַרטוז־בערעזע...
איר שווידערט אַ קעלט און זי קורטשעט זיך איין,
זי וואַלט וועלן איצט זיין אַזוי קליין, אַזוי קליין,
און קענען פאַרלוירנגיין טיף אינעם שטרוי,
ווי ס'טרערעלע ס'העלע, וואָס רינט איר אַראָפּ
אויפן היימישן, פּוילישן לעך פונעם גרעט
און גייט באַלד פאַרלוירן אין וואַרעמען שטרוי
פאַר אַלעמענס גראַשנס, פאַר אַלעמענס גאָב.

קאַרטוז־בערעזע... קאַרטוז־בערעזע...
נאָר אויסהאַלטן, טראַכט זי זיך, וועט ער מסתם, —
זי ווייסט דאָך, ער איז אַזאַ שטאַרקער, איר יאַש,
און אפשר דער שטאַרקסטער גאָר, דאַכט זיך איר אויס,
אין דער ציגל־פאַבריק, וואָס ביים עק פונעם דאָרף,
ווו אַרבעטן פלעגט ער. עס אַרט אים דאָך גאָרנישט,
אַפילו זיין ראַנע פון פאַריקן יאָר...

יאָ, זיין וווּנד פונעם טאָג, וואָס מען רופט ערשטער מאַי,
אויף דער פּלייצע ביי אים, אונטער שאַרסטיקן העמד,

ווו זי האָט אים דעמאָלט אַזוי נאָכאַנאַנד
אייז-קאַלטע טיכער אָן אויפהער געלייגט...
און לעצטנס אויך, זונטיק, ביים טוישן אַ העמד,
שטאַרק אָנזען נאָך פלעגט זי דעם שראַם אויף זיין לייב,
אַזוי ווי אַ לישאַי, וואָס קריכט אויף אַ דעמב.

זי געדענקט נאָך דעם טאָג פונעם פאַריקן מאַי:
אַט גייט מען פון הינטער דער ציגל-פאַבריק,
ס׳זעט אוים פון דער ווייט אַ פּראָצעסיע, געדיכט,
נאָר אָן הייליקע בילדער און חלבנע ליכט, —
מיט אַ לייוונט אַ ברייטן און רויט ווי אַ טשוויק,
וואָס רייסט זיך פאָרוים אין דער הייך, אין דער הייך.
און איר יאַש לעבן אים, און איר יאַש צווישן זיי.

זי איז זיכער, אַז ער איז דאָך קליגער פון איר,
מסתמא ווייסט ער, וואָס ער טוט, ווו ער גייט...
אַט גייען אויך, זעט זי, די זין פון יאַן גוז,
דער קאָוואַל פורמאַינסקי, דער לערער, זיין ווייב;
דער בעדנער, וואָס האָט איר פאַראָכטן דאָס פאַס;
די פיגעלס, די נאָוואַקס, די שכנים און נאָך.
זאָל ער אויך גיין, איר יאַש, זאָל ער אויך...

האָט זיך געהוידעט די פור אויפן וועג,
האָט זיך געהוידעט, געהוידעט איר קאָפּ.

ווי לאַנג איז, ווי זי האָט אים שוין נישט געזען ?
סך הכל זעקס וואָכן. פּאַסירט האָט אַזוי :
ז י י האָבן באַגינען געקלאַפּט אין דער טיר,
גאָר פּעסטע און הויכע, זיי האָבן געמוזט
זיך איינבייגן טיף ביים אַדורכגיין דורך איר.

עס גלאַנצן פון זייער הלבשה די קנעפּ,
די רונדיקע באַקן אין לעדער פאַרקרעמפּט,
ווי פּערדישע פּיסקעס אין צוים פון געשפּאַן.
אָט איז יאַש, אָנגעטאָן, צווישן זיי, גייט אַרויס,
אָט זיצט ער צוזאַמען מיט זיי אויף דער פור
און האַלט אין איין קוקן צו איר, אויפן הויז...

די ביקסן ביי זייערע פּיס אָנגעלענט,
און יאַש צווישן זיי — ווי פאַרשטעלט, ווי פאַרצוימט.
מיטן היטל האָט ער נאָך אַ פאָך־טאָן געוואָלט,
זענען אָבער אין קייטן געשלאָסן די הענט.
איז שמייכלט ער בלויז (יאָ, דאָס האָט ער געקענט)...
געשמייכלט צו איר, צו די שכנים ביים וועג,
ביז די פור איז מיט זייטיקע וועגן אַוועק... — — — — — —

צי האָט זי געחלומט פאַרדרימלט אין שטרוי ? —
זי אַליין, זי אַליין זיצט דאָס דאָרט אויף דער פור,
צווישן ביקסן פאַרצוימט, צווישן ביקסן און קנעפּ,

נאָר זי קוקט זיך אַרום — זעט קיין ביקסן נישט אָן,
נאָר דעם אָנטרייבערס פּלייצע איז טונקל און שטום
און גיסט זיך צונויף מיט דער שוואַרצקייט פון נאַכט,
און דאָס דאָרף איז נישט ווייט און די היים איז שוין נאָנט.

4

זענען געגאַנגען ידיעות פון מיילער צו מיילער
און איבערן לאַנד,
צו יעדן,
צו מיר
און צו דיר:
דער אַרבעטער·A —
פאַרוואונדעט שווער,
ביים שרייבער·Z —
צעבראָכן אַ האַנט,
ביים שוסטער·H —
קאַליע דאָס געהער,
דער לערער ·S —
פאַר צער געוואָרן גרא.
און וווּ איז יאַש פּילא?
ווער ווייסט?
אפשר איז ער גאָר דאָרטן אינגאַנצן נישטאָ?
נאָר ער מוז דאָך וווּ זיין!...
ווייל אָט האָט איר עמעץ געוויזן אַ קווייט

אויף דער וואַנט פֿון דער ציגל־פֿאַבריק, ווו עס איז
בפירוש געווען אָנגעשריבן:
„באַפֿרייען דעם חבר יאַש פֿילאַ!"
הייסט עס:
נישט בלויז זי אַליין,
נאָר עס וויל אויך די ציגל־פֿאַבריק —
אַלע ווילן,
ער זאָל קומען צוריק,
דער חבר יאַש פֿילאַ... —
נו, וועט ער דאָך קומען געוויס...

זענען געגאַנגען ידיעות פֿון מיילער צו מיילער
און איבערן לאַנד —
איז געגאַנגען אַ פּעקל אַ קליינס, אַ פּאַרפּאַקטס,
ווי דער קאָפּ אירער גוט איינגעהילט און פֿאַרבונדן ביים האַלדז.
זענען אַוועק דורכן לאַנד אין אַ וויכטיקער שליחות:
פֿיר פּלעצלעך מיט מאָן,
אַ גראָב לייבל — ערשט נעכטן געוואַשן,
אַ פּאָר וואַרעמע אָניצעס,
העמדער — אַליין אויסגעאַרבעט פֿון היימישן, פּוילישן לען,
און דער מאַמעס אַ בריוו
מיט אַ פֿרעמדן כּתב־יד.

איז געגאַנגען אַ פּעקל
און איבערן לאַנד

געזוכט:

„צום פיל־געליבטן זון"...

איזאָלאַציע־לאַגער.

שטאָט.

אַדרעסאַט.

איז געגאַנגען אַ פּעקל,

געבלאָנקעט, געזוכט,

און געקומען צוריק.

זי האָט זיך געטראַכט:

וואָס וועט זי דאָ טאָן?

זי וועט נעמען און גיין

צו איר איינציקן זון,

קיין קאַרטוז־בערעזע...

צום הייליקן קלויסטער, קיין טשענסטאָכאָוו, טראַכט זי, צופוס
קען מען גיין? —

וועט זי גיין צו איר איינציקן זון —

קיין קאַרטוז־בערעזע.

זי ווייסט נישט ווו ס'איז,

נאָר זי ווייסט, אַז ס'איז ערגעץ אָט־דאָ אין די קאַנטן.

וועט זי גיין צופוס

פון דאָרף צו דאָרף,

פון שטאָט צו שטאָט —
סיי ווי סיי ווייסט זי נישט,
וואָס זי האָט דאָ צו טאָן —
וועט זי גיין און גיין
און רעדן באַדיי:
דילן צו רייבן,
קאַרטאָפל צו שיילן,
קינדער צו קאַרמענען,
ווינדעלעך וואַשן, —
און אַזוי וועט זי גיין און גיין,
ביז וואַנען זי וועט דאָרט דערגיין
צו איר זון,
צו איר יאַשן.

5

אויף דער ערד האָט געשפּאַנט מיין יאָרהונדערט. געשפּאַנט פיר און דרייסיקסטע יאָר.
געאײַלט האָבן הארבסטיקע, טונקעלע כמאַרעס, נישט ווייסנדיק ווו.
אויף דער ערד איז געגאַנגען אַ פויערטע פון אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף
אויפן וועג קיין בערעזע, צום לאַגער, צו יאַשן, איר זון.

זי קען נישט די שטאָט, נאָר זי ווייסט, אַז ס'איז ערגעץ אָט-דאָ אינעם קאַנט,
זי קען נישט דעם וועג, נאָר זי וועט זיך שוין פרעגן, ווו מ'גייט.
מען האָט איר נישט קיינמאָל געוויזן אין ביכער די וועגן פון לאַנד,
און זי קוקט, ווי אַזוי זיך פאַרנעמען, ווזהין און מיט וואָס פאַרא זייט.

צום טייוול! אַוועק, און געגאַנגען און זאָל זיין ווו ס'איז!
סיי ווי סיי איז די טיר פון איר כאַטע פאַרקלאַפּט מיט אַ ברעט אין דער ברייט.
און פון אונטן, פון וואַסערלעך, זעט זי, ווי ס'גייען אַרויף אירע פיס,
און ס'ענדיקט זיך ס'דאָרף און די כאַטע איז ווייט שוין פון איר, אַזוי ווייט.

ערגעץ שלעפּט זיך אַ פורל און קען נישט אַרוים פון דער ווייטקייט און בלאָטע,
און דערלעבן דאָ נאָנט איז אַ סלופּ מיט אַ ווייזער — קוק, מאַמעלע, זע, זע.
זי וועט טרעפן געוויס — ס'האָט דאָך עמעצן דאָרט יעדעס דאָרף, יעדע שטאָט,
און ס'גייען אַהין אַלע שטרעקעס און ס'פירן אַהין אַלע וועגן — קיין קאַרטוז-בערעזע.

אפשר זאָל זי גאָר פרעגן דאָס פורל דאָס פרעמדע, וואָס שלעפּט זיך פון דאָרט?
און אפשר גאָר יעזוסן, וואָס אויפן הילצערנעם צלם ביים וועג?... —
אַ, יעזו קאָכאַני, דו ביסט דאָך דערשלאָגן פון פּיין — אפשר קומסטו פון דאָרט?
און ווי אַלצדינג דו קענסט — דו מוזט קענען דאָס אָרט, דו מוזט וויסן דעם וועג!...

זי האָט נישט צו וועמען צו רעדן, אַליין אינעם וועג און אין שטילקייט אַרום,
און ס'דאַכט זיך איר אוים, אַז אויך יעזוס קערט אָפּ פון איר איצטער די אויגן.
שוין צענדליקער יאָרן ווי זי פלעגט דאָס רעדן און בעטן צו אים,
און ער — זאָל דאָס זאָגן איר עפּעס אַ וואָרט, ווי ער וואָלט דאָס געוועזן מיט איר ברוגז...

הינטער איר: אָפּגעגאַנגענע שטרעקעס אין נעפּל, אין פרעמדקייט, אין ווינט,
און פאַר איר: נייע שטרעקעס און שטיינער, וואָס ווייזן די צאָל קילאָמעטערס, —
און זי גייט, און זי גייט, און זי גייט, זי מוז גיין, זי מוז קומען אַהין,
זי וועט קומען געוויס, זי וועט אָנקומען היינט, אָדער מאָרגן, צי שפּעטער.

אַט שטעלט זי זיך אָפּ, זי וועט רוען, נישט לאַנג, זי איז מיד פונעם וועג.
ווו געפינט זי זיך דאָ? — אומבאַקאַנט. זי אַליין און מער קיינער.
דאָרט אַהינצו — אַ וואַלד, און דאָ — נידריקע קוסטעס ביים וועג,
און זי, אין דער גרינלעכער שאָל, צווישן גרינס, ווי אַ יאַדלע אַ קליינע.

נאָר וואָס וועט זי דאָ שטיין? ס׳וועט שוין טונקל, ס׳ווערט נאַכט אונטערוועגנס.
און זי מוז נאָך באַווייזן צו נעכטיקן ערגעץ־ווו אונטער אַ דאַך.
אַט ציטערן ליכטיקע פינטעלעך ווייטע דורך טונקעלן פלאַנטער פון צווייגן
און ס׳דאַכט זיך איר אויס, אַז אַ שטאָט גייט אַקעגן מיט ליכטיקע לאָמפּן אַ סך.

אַט איז ווידער אַ בריק און אַ טייך ווו צו פּאָיען די פערד און צו וואַשן דאָס גרעט
און באַלד איז אַ ליידיקער שטח אָן כאַטעס, אָן שטאַלן, אָן מענטשן־געזינטן,
אַט זיצן מאַיאַנטקעס פאַרזונקען אין שפּע, אין ליכט און אין זעט
און ס׳רייסן זיך כלבים צו אירע צעפלאַשעטע פּאָלעס, צעשמיסן פון ווינטן.

וואָס ווילן, וואָס וואָיען די הינט? גייט זי ווּעמען באַגנבענען איצט אין דער נאַכט?
זיי האָבן דערהערט אירע מענטשלעכע טריט און זי האָט נישט מיט וואָס זיך צו ווערן.
— אוי, מאַמעלע, האַלט־איין דעם אָטעם, זאָל דאַכטן דו שלאָפסט, נאָר זיי וואַך.
נאָר פאַרוואָס האָט דאָס האַרץ אַזוי הויך, אַז דער גאַנצער אָרום וואָלט געקענט עס
דערהערן?...

נישט צום הייליקן קלויסטער קיין טשענסטאָכאָוו גייט זיך צופוס עפּעס דאָרטן
אַ באָבע,
וואָס שלעפּט זיך אויף וואַסער און ברויט אונטערוועגנס דורך נעכט און דורך טעג, —
דאָס גייט זי דורך ווינטן, דורך בריקן, דורך רעלסן, שאָסייען און שלאַבאַנס
קיין קאַרטוז־בערעזע, צו יאַשן, איר זון. און זי ווייסט שוין דעם וועג.

6

ס'איז פֿאַראַן אַזאַ אָרט אינעם פּאַטערלאַנד — קענסט עס בלויז זען אויף דער מאַפּע,
און אפֿשר דאָס אויך נישט און אפֿשר איז אויך דאָס פֿאַרווערט;
נישט קיין וועג־ליניע ציט זיך — אַ שטעכיקע דראָט דורך די שטריכן זיך דראַפּעט —
אַרום קאַרטוז־בערעזע.

דאָס וועט נישט דער בירגער דערזען אויפֿן זילבערנעם קינאָ־עקראַן,
און נישט אויף קיין פֿאַרביקע לאַנד־פּאַנאָראַמעס, אויף בילדער, פּייזאַזשן.
און ס'בליט נישט אַראָפּ פֿון די פּאָסט־מאַרקעס, קאַרטלעך, רעקלאַמעס פֿון לאַנד —
קאַרטוז־בערעזע.

שוין אָפּגעווווינט איז דאָרט די ערד פֿונעם קלאַנג פֿון געלעכטער,
און שטרענג ווערט זי אויסגעהיט דאָרט פֿאַרן בליק פֿון אַ זייטיקן מענטש —
עס קען בלויז אַרומנעמען שטעכיק דער בליק פֿון זשאַנדאַרם, פֿונעם וועכטער —
קאַרטוז־בערעזע.

דער שטעכיקער בליק פֿון זשאַנדאַרם, ווי די דראָט, נעמט אַרום לאַנגע שטחים,
ער היט דאָ פֿאַרבאָטענעם טרוים און פֿאַרבאָטענע בענקשאַפֿט,
און עמעצנס יונגע פֿאַרצוימטע, פֿאַרשפּאַרטע מעת־לעתן און וואָכן
אין קאַרטוז־בערעזע.

אָט ליגט זי אַזוי ווי אַ קערפּער אין קלעמען־טאָרטורן פֿאַרפּרעסט,
מיט קרעציקע ווונדן וואָס יאָטערן דורך די טאָרטורן,
און ס'ליגט זיך דער הימל אויף איר ווי אַ העלער און קילער קאָמפּרעס —
אויף קאַרטוז־בערעזע.

אַ פּ ר י י ה י י ט ! — עס האָבן די דראָטן פאַרשטראָכן דיין יעטוועדן אות,
נאָר ס'ווילן נישט אָפּגיין די אותיות און קענען נישט ווערן פאַרמעקט,
און רייסן זיך דורכן פאַרזשאַווערטן, צוימיקן פלאָנטער אַרויס —
דורך קאַרטוז־בערעזע.

ביינאַכט מישט זי אוים מיטן חושך איר ברוד און די בלאָטעס, וואָס יערן,
און זי שלאָפן דעמאָלט האַרט, אונטער גלאַנציקן, וואַכיקן שטאָל,
פאַרשלונגען אין לופעס פון קאַלטן כלי־זין עס וויינען די שטערן
אויף קאַרטוז־בערעזע.

עס האָבן זיך קראָען צעקראַקעט, פון הונגער די לופט אויפגערודערט,
זיי האָבן דערשנאַפּט פון דער נאָענט אַ פּריש־אָפּגעלאָפענע קאַלוזשע בלוט —
נאָר בחינם דאָס קראַקען — קיין זייטיקע לאָזט מען נישט צו דאָרט —
אין קאַרטוז־בערעזע.

עס שטעלן זיך אָפּ דאָ בלויז פינצטערע כמאַרעס, זיי קען נישט די וואָך
צעטרייבן, פאַריאָגן מיט הינט צי מיט וואָרענונגס־שאָסן,
און ס'יאָמערן ווינטן דורך קאַלטנס פון ווערבעס ביים שליאַך
פון קאַרטוז־בערעזע.

זיי טראָגן זיך איצטער אויף שטרעקעס, אויף וועגן, אויף מיילן, —
עס וויסן דערציילן די ווינטן פון קרעכצן דערהערטע;
זיי וויסן, נאָר שווייגן — מען טאָר נישט, מען טאָר נישט דערציילן
פון קאַרטוז־בערעזע.

אַ גרויזאַמער, שטרענגער באַפעל האָט באַוואָרנט, פאַרזאָגט און באַהיט
צו זען און צו הערן און בלייבן אַנטשטומט און אַנטשוויגן, —
אוי, מאַמעלע, וואָגלערין מיינע, צי ווייסטו וואָס ס׳קומט פאַר דעם ליד? —
קאַרטוז-בערעזע.

נאָר ווייס, אַז דאָך שרייב איך און כ׳קריץ און איך רייס מיט די ציין
דעם דראָטענעם פּלאָנטער, וואָס שטעכט אויס דאָס ליכט פון די אויגן,
און נאָדיר אין וועג אַריין ס׳ליד פאַר אַ העלן לאָמטערן צום גיין
קיין קאַרטוז-בערעזע.

7

אָ, ווערבעס, טאָפּאָליעס, שאָסייען און פּלויטן — גייט אָפּ אין אַ זייט!
צערוקט אייך פאַר מידע, פאַרמאַטערטע, בלאָטיקע פיס!
פאַרצוימונגען פעסטע פון וואַכן, צענעמט אייך, די וועגן מאַכט פריי!
אַ גאַסט איז געקומען קיין קאַרטוז-בערעזע, אַ גאַסט פון דער ווייט,
אָ, ווערבעס און שטאָלצע טאָפּאָליעס, פאַרנייגט אייך און זאָגט: זייַ באַגריסט!

8

און זי בלייבט פאַרן טויער דאָ שטיין
מיט צעפלויגענע פאָלעס, ווי פליגל
פון עפּעס אַ צאָרנדיק-גרויזאַמען פויגל,
מיט גראָע, צעפלאָטערטע האָר,
און אין האַנט, אין דער קאָלטער —
די אָרעמע מאַמע-מתנה —
אַ פּעקל פאַר אים, פאַר איר זון.

און זי קוקט זיך אַרום:
די קנופּן פון דראָטן, ווי שפּינען,
פאַרטשעפּען דעם ליכטיקן בלאָ פונעם הימל
און זויגן זיך איין און פאַרמיאוסן
זיין ליכט.
און זי בעט זיך און פרעגט ביי די וואַכן
אויף אים, אויף איר זון.
נאָר שווערע, געטשוועקעטע שיך טרעטן איין
אינעם בלאָטיקן גרונט
איר געוויין.
און איר בליק ווערט פאַרלאָפן
מיט נעפּל,
מיט ווינט
און פאַרצווייפלונג
און הענגען בלייבט ער און פאַרשטאָכן
אין טונקעלן דראָטענעם פּלאָנטער דעם גרויסן,
אַרום.
וואָס הייסט דאָס, מען וועט זי נישט לאָזן? —
זי דאַרף דאָך צו אים, צו איר זון,
און מען האָט איר געזאָגט,
אַז ער איז דאָ פאַראַן...
מען מוז זי באַלד לאָזן צום עלטסטן,
זי איז דאָך די מוטער פון יאַשן —
זי קען עס באַווייזן...

אַט הערט זי:
— ווי? פּילאַ?
פון... פון...
אייַער זון?...
נישטאָ דאָ אַזעלכער...

און אפשר ווייסט דער,
וואָס ער טרייבט זי פון דאַנען?
— ווי? פּילאַ?...
אַזאַ... נישט פאַראַנען...

און אירע אויגן עפענען זיך ברייט,
און אירע אויגן עפענען זיך גרויס
מיט אַ ברייטן, מיט אַ גרויסן
וואַ—אַ—ס?!
נאָר, טראַכט זי, ער מוז דאָך ווו זיין!...
און זי פילט
ווי ס'ווערט לייכט, אַזוי לייכט אין איר האַנט
דאָס פּעקל,
ווי ס'וואָלט עס איר יאַש פון דער האַנט צוגענומען,
זי פאַרלירט עס
און אונטער די פיס די פאַרבלאָטיקטע, מידע,
פאַרלירט זי דעם באָדן, דעם הימל, דעם גאַנצן אָרום. — — — —

9

דער זעלביקער וועג האָט געפירט אויף צוריק,
די זעלביקע ווערבעס ביי וועגן צעשטעלט,
וואָס האָבן פאַר איר זיך געבויגן אין אָפּשיי,
און סלופּעס, וואָס האָבן געברומט און געיאָגט זיך.
און איר האָט געדאַכט זיך, דאָס יאָגן זי נאָך
די וואָכן, וואָס האָבן דעם וועג איר פאַרשטעלט.

דער זעלביקער וועג האָט געפירט אויף צוריק,
דער זעלבער און דאָך — די נסיעה איז אַנדערש;
אַ העלפּט וועג צופוס און אַ העלפּט מיט דער אַקס,
דעם פאַרדרימלטן קאָפּ אַנגעלענט ווו עס איז, —
און דאָס איז געווען דער וועג אויף צוריק,
און דאָס איז געווען דער סוף אין איר וואַנדער.

אַ האַרבסטיקע זון האָט כסדר געוואָלט
אַ טרערעלע אָפּווישן איר פונעם פּנים, —
ניין, ניין, נישט קיין זון — נאָר אַ ליכטיקע פאָן
וועט די טרערן שוין אויסווישן איר פון די אויגן
און אויפוועקן זי פונעם שטרוי, פונעם שלאָף, —
אַ פלאַמיקע פאָן און מען זעט זי שוין אָן.

פון מינוט צו מינוט ווערט זי גרעסער און גרעסער
און זי פליט איר אַקעגן אין פּנים אריין

פון דער דראָט אַראָפּ לעבן דער ציגל־פאַבריק
און עס טראָגט זי דער ווינט אָט אַהער, אָט אַהין,
ווי דעם טוך וואָס זי האָט פאַראיאָרן געזען
אינעם טאָג וואָס געדופן מ׳האָט אים ערשטער מאַי...

נישט קיין זון, נאָר אַ פאָן אַ געדעמטע אין שוואַרץ,
וואָס זי רייסט זיך צום הימל מיט צאָרן און רעש.
און זי דריקט מיט די הענט, ווי זיין קאָפּ, צו זיך צו
צוויי העמדער פון היימישן, פוילישן לען,
און דער ווינט טראָגט אַוועק אין דער לופט אירע רייד:
דו מיין זונעלע... איינציקער... יאַשו, מיין יאַש...

וואַרשע, 1935.

קינד-און-קייט

(פּאָעמע וועגן אַ שטעטל פון אַמאָל)

1

ביי מינטשעם וויגעלע

שטיבלעך, שטיבלעך,
דעכער קרום, דין־הויטיקע,
און אָט איז פֿאַר דער שוועל
דאָס לעצטע שטיגעלע.
און דאָ, פֿאַרוקט אין ווינקל,
אין דעם קויטיקן,
איז אַמאָל געשטאַנען
מינטשעס וויגעלע.

שפּעטער טאָג שוין לאַנג,
נאָר איבער מינטשעם וויג
שאָטנס אימהדיקע
הוידען, בייגן זיך, —
וואָס־זשע האָט זי זיך
אַרויף אַזוי פֿאַרקוקט
מיט דינע שפּאַרעלעך —
מיט שמאָלע אייגעלעך?

וווּ איז דאָס מלאכל,
דאָס בלאָנדע, ס׳ווייסע,
פון אונטערן סופיט,
וואָס וואַכט צוקאָפּנס;
פון שיינעם לידעלע,
פון שיינעם מעשהלע,
וואָס די מאַמע זינגט איר
פאַרן שלאָפן?

נישטאָ קיין מלאכל
דאָרט, אונטערן סופיט;
אַ גראָע שפּינען־נעץ
אין ווינקל הענגט.
בלויז טיילמאָל גיט פון דאָרט
אַ פאַל, אַ שיט
מיט שטויבן און מיט קאַלך
פון אומעטיקע ווענט...

און ווו געפינט זיך, ווו,
דאָס גאָלדן ציגעלע
פון אָט־דעם מעשהלע,
פון אָט־דעם לידעלע? —
נישטאָ קיין ציגעלע, —
ביי מינטשעס וויגעלע

האָט אַ מויז געפּישטשעט,
ווי אַ טרויעריק פידעלע,

און געביסן הויך
דעם האַרטן ברעט פון דיל
ווען עס האָט אין שטוב
גענומען דעמערן,
און אויפגעהערט האָט זי,
געוואָרן שטיל
ווען ס'פּלעגט דערהערן זיך
דעם טאַטנס העמערל...

2

ס'איז פרילינג דאָ...

ס'איז פרילינג דאָ.
ביי קינדער איצט דער פינפטער, צי דער זעקסטער,
און ביי אונדז, ביי אונדז אפילו גרינט שוין אויך... —
ווער זאָגט דען,
אַז מען האָט אין אונדז פאַרגעסן? —
זעט,
אויף אַלטע דעכער וואַקסט שוין נייער מאָך!...

ס'מוז זיין אוודאי היינט אַ טאָג
אַ ליכטיקער,
אַ הייסער, —
אַזויפיל זון פאַראַן ביי זיי אין שטיבל!
פון פרימאָרגן זיין באַהאַלטן ווו,
שאַ, קיינער ווייסט נישט, —
האָט זי ליב צו זיין נאָר
אין אַ ווינקל ווו פאַרקליבן.

עס רוישט שוין פון באַגין דער מאַרק
און שרייט פון אַלע זייטן,
און אין היימען ענגע
אַזוי שווער איז איצט נאָך שלאָפן,

מען דאַרף אַ שטעל־טאָן בלויז אַ פוס
און איבער שוועל אַ שפּרייז־טאָן
און אַ קוק־טאָן:
אַלע טירן,
אַלע פענצטער זענען אָפן!

הינטער פענצטער,
אין אַ ווינקל וווּ פאַרקליבן,
באַקט זי ברויט פון זאַמד, פון בלאָטע,
באַקט זי ברויט, און חלה,
לעקעך אויך.
און זי הערט
די מאַמע זאָגט אין שטוב:
— „ווי קען מען ערגעץ לייען אויף אַ ברויט?"

וואָס מיר ברויט? און ווער מיר לייען? וואָס מיר לייען?... —
זי האַלט אין הענטלעך זאַמד
נאָך פולע הויפנס,
זי וועט קיינעם נישט פאַרטיילן,
ס'וועט פאַר אַלעמען נאָך סטייען;
און ס'וואַרט די הייסע בלעך
און בריט —
אַן אָנגעהייצטער אויוון.

האָט זי נישט קיין קלייד
און האָט זי נישט קיין העמד —
מיט שטראַלן־פּעדעם נייט די זון אַ העמד פֿון ברוינעם לייוונט,
קוקט זי אויף דער בלעך
און זעט,
און ווייסט נישט ווען
ס׳וואַקסן אוים די ברויטן,
ווי אויף הייוון.

באַקט זי ברויט פֿון זאַמד, פֿון בלאָטע,
באַקט זי ברויט, און חלה,
לעקעך אויך.
און זי הערט,
די מאַמע זאָגט אין שטוב:
— „נישטאָ אין ערגעץ ווו צו לייען אויף אַ ברויט"...
— — — — — — — — — —
כאַטש נעם און בייס דאָס ברויט פֿון זאַמד...

3

רויך

טונקלע קוימענדלעך אויף דעכער אינעם טיפן בלאָ זיך פלעקן,
און פון קוימענדלעך דאָרט קאָלערן זיך קלאָרע קנוילן רויך,
נאָר דער גרעסטער רויך פון אַלע איז פון זכריהן, פונעם בעקער,
וואָס רייסט זיך איצט דער גרעסטער איבער אַלע אין דער הויך.

קנוילן רויכיקע, ווייך־פּוכיקע, זיי ווייסן איינס נאָר: איילן.
זיי מוזן ערגעץ יאָגן זיך, דעריאָגן, נישט פאַרשפּעטיקן,
זיי האָבן צו פאַרטרויען עפּעס, ווייסן צו דערציילן
פון בעקער־אויוונס הייסע און פון ברויטן וואַרעם־זעטיקע,

און פון מידע הענט פאַרמעליקטע, מיט זויערטייג באַקלעפּטע,
פון נעגל טיף־פאַרפּאַפּט, פון אויגן נישט־דערשלאָפן־רויטע,
וואָס זעען, דין־פאַרזשמורעטע, דורך שווער־געדיכטע נעפּלען,
דראָבנע שכירות און בופעטן אָנגעשטאָפּטע פול מיט ברויטן.

שטייען אַרבעטער געבויגענע ביי בייכיק־פולע דייזשעס,
די פּנימער אין אָפּשיין־פלאַם פון אָנגעהייצטע אויוונס,
און צו וועלוועלן שרייט מען: גיכער דאָרטן, שטיי נישט, נעם־זשע, גיי־זשע !
און ר׳ זכריה זאָגט: „זאָלסט פאָלגן אַלץ, מען מיינט דאָך דאָס דיין טובה"...

אזוי: ס׳האָט וועלוול דאָ געוווינט אויף יעדן בוידעם, יעדן הויף,
און שכנות פלעגן שאָקלען מיט די קעפּ: אַ יתום, נעבעך...
ס׳וואַקסט אַ הפקר־יונג, אַ גנב, יאָ, אַ גנב מיטן אויג,
אַז ס׳האָט דען ווען געהאַט אויף זיך אַ קאַנטשיק פון אַ רבין?...

ביז ס׳האָט איינמאָל אים ר׳ זכריה ביי דער בעקעריי געטראָפן
און געזאָגט: „ס׳איז קאַלט... נו, קום און וואַרעם זיך ביים אויוון,
ס׳איז אַן אָרט דאָ אויפן פּיעקעליק, נו, מילא, וועסטו שלאָפן", —
— וועלוול, וועלוול, נעם־זשע, גיי־זשע, גיי, מען מיינט דאָך דאָס דיין טובה!...

— נעם אַראָפּ דאָס האָלץ פון וואָגן, נעם צעשפּאַלט אַ ביסל שטשאַפּעס, —
אַ שפּיי געטאָן, און ווי אַ גרויסער — הענט צעפירט און הענט צענומען.
שפּעט נאַכט. און ס׳איז געבליבן, דאַכט זיך, נאָך אַ שעה אַ קנאַפּע, —
וועט ער פּרוּוון איינס־און־צוויי אַריינכאַפּן אַ האַרטן דרימל.

היים־צעפּאַרעט זענען ציגל און דער באַלקן — אַזוי נידריק,
זעגט אַ גריל די לופט אַן אויפהער און לאָזט וועלוולען גאַרנישט שלאָפן,
און איידער וואָס, מען וועט אים וועקן, וועט מען שרייען פון דער נידער:
— העי, ווי לאַנג דאָרט וועט ער כאָליען? העי, ווי לאַנג דאָרט וועט ער פּאָפן?!

אין די טירן־שפּאַלטן — טאָג שוין, אין די אויגן־שפּאַלטן — שלאָף נאָך,
הערט ער: העי, דאָרט, גיכער, גיך, דערלאַנג אים דאָרטן אַ פּאָר זעק!... —
קלינגען בלעכן. ס׳איז היינט פריייטיק. אַרבעט האָט ער אַן אַ סוף נאָך, —
— וועלוול, וועלוול, גיב די אַקסלען, ס׳וואַרט שוין גרייט אַ קויש געבעקס.

4

טרערן

גייט אַוועק אַ פרייטיק און אַ שבת און אַ זונטיק, —
און ווידער צו די מעטערס, צו די וואַגשאַלן און פונטן.

און צו לאַפּעטעס און דייזשעס, און צו תורה און געשעפטן, —
און מינטשע — צו די דין-צעשיטע און צעפליקטע העפטן.

אַ בינטל העפטן איינס-און-צוויי און גיך צונויפגענומען,
אַ בינטל העפטן אין דער האַנט און אין דער שול געקומען.

איז געקומען מינטשע היינט אין שול אַ ביסל שפּעטער,
איז געקומען מינטשע היינט מיט אויגן רויט-פאַרטרערטע.

— אָן אַ ביכל זאָלסט נישט קומען, הערסט? — האָט אָנגעזאָגט די „פאַני" —
נו, ווי לאַנג נאָך וועל איך רעדן, נו, ווי לאַנג וועל איך דערמאַנען?

איז האָט זי דאָרט געוויינט אין שטוב — ס'איז מינטשע נאָך אַ קליינע
און ווייסט נישט, אַז עס קענען איר נישט העלפן קיין געוויינען.

דער טאַטע האָט געהאַלטן אין איין וואָרענען און טענהן:
— אָט קריגט זי מיט אַ שטיוול, ווען זי וויסן וואָס צו וויינען!...

איז געקומען מינטשע היינט אין קלאַס אַ ביסל שפּעטער,
איז געקומען מינטשע היינט מיט אויגן רויט־פאַרטרערטע.

אין אַ שפּיגעלע אַ קליינס האָט זי געקוקט צי מ׳וועט דערקענען,
דאַכט זיך איר, אַז אַלע זען און אירע אויגן ברענען.

— — — — — — — —

מישנדיקע בלעטלעך שורשן אין די הענט.
אויפגעמישטע העפטן קלאָרן פון די בענק.

ביי רייכע קינדער זענען העפטן איינגעשמירט מיט אַלץ:
מיט פּוטער און מיט קעז, מיט האָניק און מיט שמאַלץ.

און ביי מינטשען בלויז (און גאָרנישט מער):
מיטן טאַטנס שוסטער־טינט און מיט אַ טרער...

5

וואַרשטאַטן צעוויגטע...

וואַרשטאַטן צעוויגטע, צעוויגטע און הייסע,
און ס'צעזינגען זיך הויך און אינאיינעם די זינגער־מאַשינדלעך.
שנעלע מיידלשע טריט, שנעלע לייוונטן ווייסע,
און די רעדעלעך פליען, איי, פליען ווי די ווינטן.

אַ דריי דאָס רעדל נאָר — און ווו איז לופט און ווו איז ראָד?
לופט, מאַשין, מאַשין און רעדל — אין פאַרדריי,
לויפט די נאָדלשטאַנג אַראָפּ־אַרויף, אַרויף־אַראָפּ —
— העי, שנעל, וואָס מערער העמדער מוזן פאַרטיק זיין!

נייען מיידלעך העמדער, נייט אויך מינטשעס שוועסטער צירל,
אין ענגשאַפט, שוויס, און היץ, — פון פרי ביז נאַכט,
און אין רעדלעך פּלאָנטערט זיך פון אינדערפרי אָן:
„... און אַזוי ווערן העמדעלעך טוצנדווייז געמאַ־אַ־כט"...

ס'האָבן רעדלעך ווען אַמאָל געדרייט זיך און געהערט:
„נישט איך שלאָף און נישט איך עס,
איך וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל נס,

אפשר וואָלט ער זיך געמיט
אַן אַלמן כאַטש — אַן אַלטן ייד,
מיט קינדערלעך אַ שאָק".

האָבן רעדלעך ווען אַמאָל געדרייט זיך און געהערט,
דרייען זיי זיך איצטער און זיי הערן:
„און אויף מיטינגען פלעגן מיר טרעפן זיך,
צו פּאַרטייאישער אַרבעט גענומען זיך,
אין אַ ווינקל גאַנץ שטיל און פּאַוואָלינקע
כ'האָב געקושט זיך מיט מיין קאָמסאָמאָלינקע."

דרייען זיך, דרייען זיך רעדלעך, מינוטן און שעהן,
לויפט די נאָדלשטאַנג אויף ווייסקייט פון העמדער און ציכן,
און טיילמאָל אויך אויף רויטקייט — אויף סאַטין פון פאָנען,
אויף רויטע פאָנען פון דער שוועסטער צירל.

איז אַוועק אַ טאָג מיט אַרבעט און פאַרמאַטערט בלייבן מיידלעך,
און מאַשינען בלייבן שווייגנדיק, אַליין, —
בייט מען אויס דעם רעש פון איילנדיקע רעדלעך
אויפן רעש פון נעפּלדיק-פאַרויכערטן פאַריין.

6

צו סטעפקען אהיים

האָט געפּרייט זיך מינטשע, האָט געפּרייט זיך סטעפּקע,
האָבן זיך געפּרייט די דינע, לויזע העפטן.

ס׳וועט שוין צווישן זיי פון היינט אָן זיין אַ ביכל, —
אַ ביכל האָט פאַר מינטשען געקויפט די שוועסטער צירל.

האָבן זיך געפרייט די דינע, לויזע העפטן, —
ס׳וועט שוין זיין אַ ביכל פאַר מינטשען און פאַר סטעפּקען.
— — — — — — — — —

ליגט זיך אַ וועג ביז צו סטעפּקען אהיים,
ציט זיך אַ וועג אַזוי ווייט, אַזוי לאַנג, —
גייט סטעפּקע אהיים, גייט מינטשע אהיים,
און פון מינטשען ביז סטעפּקען — איז פאָלג מיך אַ גאַנג.

גייט מען צוזאַמען צו סטעפּקען אהיים,
— און ס׳שטעלט דאָ נאָך מינטשע נישט-דרייסטע די טריט —
אָט דאָ איז אַ סלופּ ביי דער זייט, דאָ אַ שטיין,
אָט דאָ איז אַ גערטל, אַ צלם אין מיט.

אַן אַלטיטשקער צלם, צעפוילט, אויף דער עלטער,
קוים וואָס ער שטייט דאָ און קוים ער געדענקט
די וויפלטע שנייען, די רעגנס און קעלטן
האָבן אויף אים דעם געקרייצטן געשווענקט.

אָט־דאָ האָט זיך אויף איר די מאַמע ווען געבייזערט:
— קוק נישט דאָרטן, מינטשע, קוק זיך דאָרט נישט אום,
ווייז נישט מיט קיין פינגער, ווייז נישט אויף די יויזן,
אַ מיידעלע זאָל האָבן נאָר די אויגן אומעטום!...

— מינטשע, דו זעסט, דאָרט דעם טאַרטאַק, דו זעסט? —
קוקט סטעפקע אַהין דאָרט און ווייזט מיט אַ האַנט...

עס שניידן די מעסערס די קלעצער, ווי קעז,
און לייגן אוים ברעטער — אַ וואַנט ביי אַ וואַנט.

— און ס׳שניידט אויך מיין טאַטע די ריזן, די קלעצער
און לייגט אוים פון ברעטער אַזאַ הויכע וואַנט!...
קום, מינטשע, מען וועט זיך שוין ערגעץ דאָ זעצן,
וועט מען זען, וואָס עס איז נאָך אין ביכל פאַראַן...

האָט געפרייט זיך מינטשע, האָט געפרייט זיך סטעפקע,
האָבן זיך געפרייט די דינע, לויזע העפטן. —

ס׳וועט שוין צווישן זיי פון היינט אָן זיין אַ ביכל,
אַ ביכל האָט פּאָר מינטשען געקויפט די שוועסטער צירל.

האָט דער ווינט געמישט די בלעטלעך און די קעפּלעך האָר.
בלעטער — ווייס, און קעפּלעך — שוואַרץ און בלאָנד,
אויפגעמישט אַ בלאַט און ט׳האָסטו דיר קאָשטשאָלן גאָר,
מיט צלמים און מיט גלאָקן, נאָר צום שרעקן — באַססם...

אויפגעמישט אַ בלאַט, אַ צווייטס, אַ דריטס:
אַ טיש. אַ סאַמאָוואַר. אַ הערינג. אייער. אויבסט. —
און ס׳רינט די סלינע פונעם מויל, — אַ וועלט מיט אַלדאָס גוטס
באַקומט מען אינעם ביכל, אויף די בלעטלעך בלויז...

7

אויף היימישע שאסייען

אויף די אַלטע וועגן, אויף די היימישע שאָסייען
יאָגן איצטער פינקלענדיקע, נייע אויטאָבוסן,
קומען זיי מיט סוחרים און מיט הויכע פּילדערייען,
קומען זיי מיט טרובע-קוויטש, מיט נייסן און מיט גרוסן.

לויפן די שאָסייען, לויפן אונטער רעדער,
איילן זיך קיין וואַרשע און קומען אָן צוריק,
לויפן נאָך נאָך זיי די דערפלעך און די שטעטלעך,
לויפן נאָך פאַרהונגערטע נאָך ברויט, נאָך זעט, נאָך גליק.

אפשר וועט איר, אויטאָבוסן, ערגעץ זיך דערבאַרעמען
און ברענגען פאַר דער שטאָט אַ בשורהדיקע פרייד.
נאָר גאָרנישט... אָט, זיי פליען דורך מיט לאָמפּן קאַלטע, שטאַרע,
און איבעראַשן בלויז אַ פערד, וואָס שפּרינגט אָפּ אין אַ זייט...

און לאָזן איבער הינטער זיך געגנטן פאַרלוירן,
און ס׳לאָזן בלויז אַ ביסל רויך די אייליקע מאַשינען.
קומען זיי פון וויטן מיט אַ ביליק שטיקל סחורה,
און פירן אָפּ פון דאַנען צריק אַ שטייגל פעטע הינער.

קומען זיי פון אונטערוועגס פאַרמאַטערטע און מידע,
און רוען אָפּ פאַרסאַפּעטע ביי זשומענדיקע סטאַציעס.
קומט מען אָט אַזוי זיך גלאַט אַ קוק־טאָן, שטייען יידן
און שאַצן זיי און שאַצן אַלץ און קענען נישט דערשאַצן...

— ס'איז ווערט די שווערע טויזנטער, ס'א וואַזשנע כלי, האַ?...
— מיר וואָלטן עס געמעגט פאַרמאָגן אַלע דאָ, אוי־אוי...
און מ'זאָגט, זיי הייבן אויך שוין אָן צו פאָרן צו דער באַן,
צונעמען ביי פורמאַנעס דעם לעצטן ביסן ברויט...

עס איז נישט ווי אַמאָל, אַ וואָגן אַ פאַרשליאַכעטער,
מ'זאָל קענען פון דער נאָענט אַ שמעק־טאָן גלאַט, פאַרשמייעט,
אַ טאַפּ־טאָן אין אַ זעקל דאָרטן און אין שטרוי אַ שאָרך־טאָן,
אַ בלאָז־טאָן ביי אַ הינדל אין די פעדערן: „ווי טייער?"...

איצטער שטייט דאָ די מאַשין און קוקט אַהין, אַהער,
מיט גרויסקייט און מיט חשיבות פון אַ נייעם גאַסט —
— דרך־ארץ פאַר מיין יעדן מינדסטן ריר און קער,
דרך־ארץ פאַר מיין יעדן מינדסטן, קלענסטן בליאַסק!...

שטייט מען און מען קוקט. די הענט פאַרלייגט אויף הינטן.
(אַז עס איז דען עפּעס אַנדערש היינט פאַר זיי פאַרהאַן?)
פרעגט מען זיך פאַרשעמט ביי אייגענע, געקומענע:
— וואָס שמועסט מען אין ווארשע עפּעס פון ביראָבידזשאַן?

— מען שמועסט... וואָס הערט זיך דאָ? ס׳וויל גאָרנישט ווערן בעסער?
— בעסער... יאָ, מען ליגט דאָ גוט פאַרקאָפּעט טיף אין דרערד,
און ווי־זשע מיינט איר, ס׳וואָלט זיי אויך געגוצט דאָרט מיין פּראָפּעסיע?...
מען זאָגט עס דאָרף אראָפּקומען אַ טוער פון „געזערד“...

און ס׳פילדערן די סטאַציעס, צעוויגטע אין געטומל,
טומלענדיקע סטאַציעס, ווי זייערע פּאַסאַזשירן.
אין וועג אַריין אַ פולן מויל בענזין שוין אָנגענומען —
וועלן אויטאָבוסן די מאָטאָרן באַלד צעפירן.

ווער עס פירט אַוועק אַצינד אַ פולן קאָפּ מיט דאגות,
אין האַרץ—אַ העלע האָפענונג, אין האַנט—אַן איינציק העמד,
אַ טרוים: נישט מער, אַן אָרט נאָר וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן,
און עפּעס אַרבעט פאַר די לאַנג־שוין־אויסגערוטע הענט.

נאָר היינט קומט־אָן דער אויטאָבוס גאָר אַנדערש פון דער פרעמד, —
אָן סחורה, אָן מציאות, אָן צעלניק און געוואַנט —
ס׳האָט וואַרשע איצטער צוגעשיקט דער שטאָט אַ רעפערענט,
סימנים: אַ פּאָר ברילן און אַ צייטונג אין דער האַנט...

קומט מען אים באַגעגענען, מען וואַרט, ביז פון דער ווייט
באַווייזן זיך צוויי לאָמפּן, ווערן גרעסער, נעענטער... אָט... —
דאַכט זיך, פון די בלענדנדיקע לאָמפּן, אַזוי ברייט,
קוקן אַ פּאָר העלע ברילן ליכטיק אויף דער שטאָט...

8

בײַם פֿענצטער

דער װערקשטעל איז געשטאַנען אין אַ װינקל,
פֿאַרלאָזן, אָפּגעקערט און אָפּגעלײדיקט;
און ס'העמערל פֿאַרװאָרפֿן ערגעץ אױפֿן דיל,
אין זשאַװער, מיסט, אין שטױב פֿאַרזונקען,
איז שטיל געלעגן, אומנוציק, באַלײדיקט.

און לעבן אים, בשכנות, אין אַ זײַט,
האָט זיך אַ קאַפּיטע אַרומגעװאַלגערט באָרװעס,
געװאַרט, אַז אָנטאָן זאָל מען זי אין לעדער
און האָט שױן נישט געדענקט גענױ און זיכער
װען מען האָט זי ס'לעצטע מאָל באַדאַרפֿט.

אַן אַל — פֿאַרשטעקט, פֿאַרשטאָכן אין דער האַנט,
װי ס'זענען איצט פֿאַרשטאָכן
אינעם דרױסן זלמנס בליקן,
אַ צװאַנג האָט, קריצנדיק די צײן,
װי זלמן,
שטיל געשװיגן.

לאנג, לאנג איז ער געשטאַנען לעבן פענצטער
און נישט געקענט זיך אָפּרייסן און נישט געקענט אַוועק,
ווי ער וואָלט דאָרט געווען אַ צוגעקלעפּטער.
די קינדער זענען נישט געווען אין שטוב
און פייגע אויך נישט —
אין גאַס אַריין איז זי אַוועק נאָך אינדערפרי
מיט אַ ביסל פוילע עפּל.

אָפּטמאָל שווענקט זי דורך דער רעגן
און אין אָוונט ברענגט זי זיי צוריק,
און ווען זלמן פרעגט זי:
— האָסט געברענגט כאָטש עפּעס געלט?
בלאָזט זי אין די פרירנדיקע הענט
און ענטפערט שטענדיק אים צום גראַם:
— די קעלט!...

ער איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער וואָג און גרויס
און עפּעס האָבן זיינע הענט געבענקט אַזוי צו טאָן,
און זיך געריסן פון זיין פעסטן גוף,
און פון די הענט — די פינגער יעדערער באַזונדער, —
טאָ וואָס-זשע זאָל ער טאָן מיט זיי, די הענט,
וואָס זאָל ער טאָן?

פון לאַנגווייל האָט ער אויסגעזיפצט אַ ניגון
און צוגעפּויקט אין שויב

געלאסן מיט אַ נאָגל.
ער האָט אַלץ געמיינט, אַז פאַר דער טיר, אין דרויסן,
וועט אַ פורל זיך צעסקריפען און צעוויגן,
פאַרפאָרן און זיך אָפּשטעלן פאַר אים
און אַרבעט וועט מען ברענגען אים צו טראָגן.

נאָר קיינער וועט נישט איצט פאַרפאָרן און נישט קומען,
אַוועקגעפאָרן איז מען בלויז פון אים, אַוועק.
אַ ביסל שכנים זענען אָפּגעפאָרן פאַר דער לעצטער צייט,
אַוועקגעשלעפּט האָט זיי די זאָרג, די שיף, די באַן,
קיין בראַזיליען, קובאַ, פּאַלעסטינע,
און דעם שכן משה־יאָסל גאָר —
צו דעם ווייטן לאַנד ביראָבידזשאַן.

9

אינדרויסן

איי, משה־יאָסל, איי, משה־יאָסל...
געהערט האָב איך די בריוו דיינע מיט פאַרגעניגן,
און אַלעמאַל דערמאַנט זיך מיר אַ שטיק פון אויסנווייניק —
האָט געטראַכט זיך זלמן און אַרויסגעקוקט אין דרויסן, —
נאָר כ׳וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אויך פון אונדז
אַזעלכע בריוו נאָך לייענען.

אוי, ווען מען וואָלט געקענט דאָ מאַכן
אויך פון דער שטאָט אַזאַ ביראָבידזשאַן... —
צי וואָלט ער נישט געקענט, ווי דאָרטן, משה־יאָסל,
אַ זאָג־טאָן: הער נאָר, זיי־זשע מוחל, טראַקטער,
וועסט אַזוי גוט זיין, אויך פון מיר זיך לאָזן פירן,
ווי פון משה־יאָסלען.

איי, משה־יאָסל, משה־יאָסל...
און פאַרוואָס־זשע זאָל ער דאָס נישט קענען מאַכן? —
ער איז דאָך גרייט מיט זיינע הענט.

און וועלדער אויסהאַקן צו אויסגלייכן די העכסטע בערג,
צו טראָגן ציגל, קנעטן ליים און אויפשטעלן אַ לאַנד
וואָלט ער דען נישט געקענט?... —

און זלמן טראַכט און קוקט אַרויס אין דרויסן.
נאָר קיין פּורל וויל אַלץ נישט פאַרפאַרן פאַר זיין טיר,
וואָס זאָל אים ברענגען אַרבעט אין דער שטוב אַריין.
דאָס לעצטע פּורל, זעט ער, פאָרט אַוועק מיט קללות, —
די קאַרטאָפל האָט אַ גאַנצן טאָג נישט קיינער אָנגערירט,
און ס'פּויערל האָט אויפן פערד געטאָן אַ שמיץ פאַר כעס,
און אויף דער גאַנצער שטאָט געטאָן אַ שפּיי.

דאָס פּויערל איז אים באַקאַנט, נישט ווייט דאָ, פון דער געגנט,
ער פאָרט אַהיים, ער פאָרט פאַרביי זיין טיר,
און אין זיינע אַלטע כאַדאַקעס קוקט זלמן גוט זיך איין, —
אַ פאָר שטיוול, טראַכט ער, וואָלט דאָס נישט געדאַרפט דען,
ווי דאָס לעבן?
נאָר ס'פאָרט דאָס פּויערל אַוועק און טרעט נישט אָפּ ביי אים —
טאָ וואָס-זשע זאָל ער, זלמן, טאָן מיט זיינע הענט,
וואָס זאָל ער טאָן?

די אויפגעמאַכטע קראָמען קוקן בלינד און פינצטער,
אַ יעדע קראָם — אַ טונקלער, טיפער גרוב.
די קרעמער גענעצן אויף יעדער שוועל.

און אַט איז פייגע שוין געקומען מיט די עפּל.
און ווען זלמן פרעגט איר צי זי האָט כאָטש עפּעס געלט,
ענטפערט זי, ווי שטענדיק, אים צום גראַם:
— די קעלט!...

ער איז אַוועק פון פענצטער און זיך אויסגעגלייכט,
צעגענעצט זיך און אויסגעקנאַקט די ביינער,
זיך אויסגעצויגן אין זיין לענג און גרויס,
און יעדער צי האָט זיך געפרעגט: נו, וואָס וועט זיין?...
און ס'איז אים איינגעפאַלן פלוצלונג אַ געדאַנק, און גלייך —
ער האָט געכאַפּט אַ שטריק און איז אַרויס...

ווי צוגעקלעפּט געשטאַנען זענען טרעגערס ביי אַ מויער
און זלמנען דערזעען מיטן שטריק,
און אַלע האָבן הילכיק זיך צעלאַכט און זיך צעוויצלט:
— אַ נייער טרעגער, כאַ, כאַ, כאַ!... וואָס גיט מען אים אָוועקצוטראָגן?!...
זלמן, זלמן, כ'לעבן, טראָג אַוועק די גאַנצע שטאָט,
קענסט דיר נעמען אויף די פּלייצעס אָט־די קאַמעניצע!...

איי, משה־יאָסל, איי, משה־יאָסל...
זלמן איז אַהיימגעגאַנגען צריק.
וואָלט ער געקענט, וואָלט ער אַ בריוו נאָך אָנגעשריבן היינט,
וואָלט ער אָראָפּגערעדט זיך פונעם גאַנצן האַרצן,

וואָלט ער געפרעגט, וואָס זאָל ער טאָן מיט זיינע הענט,
וואָס זאָל ער טאָן?...

די בלאָטע האָט געכלופעט אונטער זיינע שווערע טריט.
דער הימל האָט גענומען זיך פאַרטשוועקעווען מיט שטערן.
אויף אַלע דעכער האָט זיך אָנגערוקט אַ טונקלע נאַכט,
און ער האָט טיפער אָנגערוקט דאָס היטל אויפן קאָפּ,
און אין די בורקעס די פאַרמעליקטע און שווערע
האָבן טרעגערס אַלץ געלאַכט, געלאַכט, געלאַכט...

10

די שאַנק

איז געשטאַנען אַ שאַנק אינעם שטיבל, אַ שאַנק — מען קען שרייבן אַ שענקל, —
אָפּגענוצט יאָרן, און איצט איז נישטאָ וואָס אין איר שוין צו הענגען.

זענען צייטן אַוועק דורך מעת-לעתן, דורך וואָכן, חדשים —
וואָס ווייסט דען אַ שאַנק דאָרט ? — זי שטייט אין אַ ווינקל אָן אייגנס און חשובֿס.

און איצט אויף דער עלטער : פאַרפּעלט דאָ אַ גאַלקע, און דאָרט—אַ געזימס אָפּגעבראָכן,
און דער ברוינלעכער לאַק, ווי די פעל פון אַ קלאַטשע — שוין לאַנג אָפּגעקראָכן.

אין דער שאַנק : אַ פּאָר צייגענע הויזן, אַ שאַל פון אַ ווייטער, אַ ניו-יאָרקער טאָכטער;
אַ פּאָר ליידיקע הענגערס, אַ וועסטל, אַ שפּענצער און נאָך אַ פּאָר שמאַכטעס.

אַט דער דאָזיקער גאַנצער פאַרמעג (מיט דער שאַנק שוין צוזאַמען פאַרעכנט)
איז פון יאָרן, פון שטענדיק געוועזן אברהם-אהרנס, דעם בלעכערס.

איז אין ערגעץ נישטאָ צו פאַריכטן, פאַרלייטן, צו לייגן קיין דעכער, —
זיצט אין דער היים אברהם-אהרן און גענעצט און דרימלט און דעכעט.

קלאָגט זיך די בלעכערקע קיילע אויף צרות, אויף שלעכטע פאַרדינסטן,
און מאַכט־אויף די שאַנק פון געוווינהייט — ס׳איז פוסט דאָרט און פינצטער.

אָן ברויט קוקט דאָס ווינקל פון עסן — אַ גרוב — נאָר צום ווערן פאַרזונקען,
דאַכט איר: אַט־אַט, און עס וועט זי די ליידיקייט באַלד דאָ פאַרשלינגען. —

— אַ שאַנק, ווו מ׳האָט אַלץ אויסגעליידיקט און אפשר אַליין גאָר די שאַנק אויך
פאַרקויפן?...
— וואָס נאָך? — גיט אַ ברום אברהם־אהרן — אַ שאַנק־טשינע, אויך מיר אַ חפץ!...

גיי, גיי, מ׳עט דיר געבן אַ שטאַרק אין די ציין דאָרטן, זאָג איך דיר, קיילע, —
און ס׳גיט זיך אַ הוסטל אַ פרישס אַ צעשיט פון זיין מויל אַזוי ראַפּטום און איילִיק.

— און כ׳מיין, — זאָגט די בלעכערקע — אַז אויף אַ ברויט וועסטו אַלץ פאַר איר
קריגן. —
האָבן גערעדט מאַן און ווייב, ביז עס האָבן אין הויז, אונטער טריט זיך צעסקריפּעט
די שטיגן;

אין שטוב זענען פרעמדע אַריין און זיי שאַצן מבינישׁ און גלעטן
ס׳געהילץ פון דער שאַנק און פּרובירן דאָס טישל, די בעטן.

— פון אמת... — עפנט איינער אַ פעדער און לענט־אָן זיין איידעלן שטעקן —
דער בירגער איז שולדיק אַזוי און אַזוי — גיט אַ בלאַנק אַ פּאַפּיר פון אַ טעקע.

— היתכן, נו, — פרעגט אברהם־אהרן, און שארפער, נאך העכער צעהוסט זיך — נו, פון וואנען זאל זיין, יא, פון וואנען? פון וועלכע פארדינסטן?...

זענען די פרעמדע אוועק. אויף דער שאנק איז א קליינטשיק פאפירל פארבליבן, דאכט זיך, עס קוקט אזוי שארף, אזוי שטרענג, אזוי בייז אויפן שטיבל.

— דירה־געלט מאנט מען, מען סטראשעט דיך באלד מיט עקסמיסיע, — רעגט זיך איצט אויף אברהם־אהרן — זיי דארפן עס עפעס דען וויסן?

זיי וויסן איינס: גיב זיי נאר, גיב זיי — פון וואנען זאל זיין זשע צו געבן? אז נישט איז א חתימה — מען לייגט דיר ארויף א „פיעטשאט" אויפן ביסעלע לעבן...

— נו, רעג זיך נישט אויף, אברהם־אהרן, דיך דושעט דער הוסט, אוי, דאס דעכען!... — בעט קיילע, און ס'קלינגט אפ אלץ הוילער דער הוסט, ווי מ'וואלט קלאפן אין בלעכן. —

עס איז טאקע גרוים דער פארדראס און דאס קרענקונג איז גרוים, זאג איך, אהרן — איז קיילע ארוים פון די כלים — א שענקל, וואס קען עס זי ארן, הא אהרן?...

— מיין אייגענע פראצע... כ'צעהאק עס זיי באלד דא אויף שטיקער — נבלות! — שרייט אוים אברהם־אהרן — אט נעם איך דאס העקל און דו נעם דאס האקמעסער, קיילע!

— דו ביסט גאנץ גערעכט — זוכט די בלעכערקע ס'האקמעסער — ביסט גאנץ גערעכט אברהם־אהרן,
איידער אין זייערע הענט — איז אויף האלץ, זאל אין שטוב כאטש זיין ווארעם! — —

איז געשטאַנען אַ שאַנק אינעם שטיבל, געשטאַנען זיך וואָכן, חדשים,
געשטאַנען, געהאַט זיך אַ ווינקל אַן אייגנס, בכבודיקס, חשובֿס.

אונטער איר האָט אַ מויז אויסגעביסן פֿאַר זיך און פֿאַר שכנות אַ נאָרע,
איבער איר האָט אַ שפּין אויסגעוועבט זיך אַ נעץ — און מער גאָרנישט.

אין שטיל געווען, ביז ס'האָט די שאַנק זיך צעסקריפּעט אין רעש און באַוועגונג —
נאָך אַ טראַט, נאָך אַ סקריפּ און אויף שטענדיק אַוועק און מיט היימישער וואַנט
זיך צעזעגנט.

— זע, קיילע, און קלעם זיך נישט אָפּ די רגלים דאָרט — בעט אברהם-אהרן —
אָט אַזוי, אָט אַזוי, נאָך אַ שטופּ, דאָ אַהער — מאַכט אַ וואָרע !...

אַ שפּיי אין די הענט, און עס ליגן שוין טירן אין צווייען געשאָלטן,
רייסט אברהם-אהרן אַ שטיק נאָך אַ שטיק, ווי אַמאָל, פֿון אַ דאָך אַ פֿאַרפֿוילטן.

— מען מוז אַזוי קענען צעהאַקן אַ שופֿלאָד און שיינע געזימסן צעשטערן.
געלאַסן, אַ שלעסל, אַ קליאַמקע, ווייל אַלץ — זאָגט ער — איז היינט אַ קרן...

די קיך איינגעהייצט, מיט געהילץ אָנגעשטאָפּט צו דער זעט און אַ פֿולע,
און ס'זינגט שוין אַ טשייניק צעטראָגן און סאָפּעט און פּייפֿט מיט גדולה.

עס גליען די פּייערקעס רויט און עס שיינט אברהם-אהרן אין פֿלאַמען,
פֿלאַמט זיין געזיכט פֿונעם פֿייער, צופֿרידנקייט און פֿון נקמה צוזאַמען.

11

עקסמיסיע

געווען איז שוין פאַרנאַכט, ווען גיך און אייליק
אַרויסגעטראָגן האָט מען אַלץ פון אברהם־אהרנען דעם בלעכער,
ווען מ׳האָט אַלץ געטראָגן אין דער גיך ווי בעת אַ שׂרפֿה,
און וואָס אַמאָל אַלץ ליידיקער געוואָרן איז די שטוב,
און וואָס אַמאָל אַלץ פולער — פאַר דער שטוב — דער דרויסן.
דער טאָג האָט מיט דער נאַכט זיך שוין צערעכנט
און ווייט האָט נאָך די זון געזשאַרעט רויט,
ווי די ציכן פון די פּערענעס און קישנס,
און רויטער פון דער זון און פון די ציכן
האָט געברענט איצט אברהם־אהרנס בושה...
און קיילע איז געשטאַנען און געזען,
ווי אַלץ הייבט־אָן זיך מיט דער שטוב צו שיידן.
שוין צוויי־און־דרייסיק יאָר איז אַלץ אַזוי געשטאַנען,
פון קיינעם נישט גערירט, פון קיינעם נישט געטשעפּעט
(אַחוץ אויף פּסח ווען אַמאָל צום רייניקן און רוימען)
און אַלץ האָט זיך געהאַט זיין אָרט און אַלץ — זיין ווינקל,
געדאַכט האָט זיך, ס׳וועט אַלץ דאָ אָט אַזוי שוין בלייבן,
בלייבן שטענדיק, ווי עס בלייבט דאָס לעבן,
און איצטער זעט זי, ווי עס שיידט זיך יעדעס בענקל מיטן דיל,

און מיטן קיכל שיידט זיך יעדעס טעפּל.
די בעטן, שוין צענומענע אויף שטיקער, קרעכצן שווער,
און אַ לויז, צעפּאָרן טישל העלפּט זיי אונטער שטיל.
און קיילע זעט, דער גאַנצער דיל ווערט אָפּגעליידיקט,
ס'איז קיינמאָל נישט די שטוב געווען נאָך אַזוי גרויס,
און דורך דער ליידיקייט, דורך מיסט און שטרוי, אויף דרערד
לויפט פּלוצלונג דורך צעשראָקן-גיך אַ מויז.
און קיילע טראַכט דערביי: דו גליקלעך מייזל,
ס'איז דיר דאָך הונדערט-טויזנט מאָל שוין ווילער
וואָס געבוירן ביסטו נישט קיין מענטש,
אַ מענטש אַזאַ ווי איך, ווי קיילע... —
דיך וועט מען נישט אַרויסוואַרפן אַפילו ווען
דו זאָלסט אײַנגאַנצן נישט קיין דירה-געלט באַצאָלן.
און פולער פאַר דער שטוב ווערט אַלץ דער דרויסן
און פולער נאָך מיט וואַרענונג און קללות.
דאָס בעטגעוואַנט האָט אויפגעוירן, ווי אַ כמאַרע, ווי אַ גרויסע,
אַן אַלטער נאַכט-טאָפּ וואַלגערט זיך אַרום — אוים יחסן,
ס'וועט היינט אַ נאַכט-טאָפּ שוין די דרויסנדיקע נאַכט זיין...
אַ פאַן — ברייט-קיילעכדיק צעעפנט, שרייט אַרויף,
אַ טעלער, אָנגעשעפּט מיט בלאָטע, שטייט פאַרשעמט,
אַ מלבוש אין אַ קאַלוזשע, צעטרעטן, כליפּעט שטיל,
אַ טיש איבערגעקערט — די פיס אַרויף מיט דראַאונג,
ווי אַ פערד איבערגעדרייט מיט אַלע פיר,
וואָס דאַכט זיך, באַלד וועט עס די הייך און דעם אַרום

אַ קאַפּע געבן מיט די גבורהדיקע טלאָען.
אַן עמער קלימפּערט אויף און פּילדערט אין בהלה,
עס רעשן אויפגעטרענטע שיטנדיקע שטרויזעק,
און ס'הענגט דער שלאָס אַראָפּ, ווי אַן אַרויסגעשטעקטע צונג,
וואָס רייצט זיך און וואָס שפּעט, וואָס לאַכט און חוזקט...

12

פראָסט

דער פראָסט האָט זיך אין גראָע טאָפּל־שיכטן
געדראָפּעט אויפן פענצטערל אַ שיכט אויף שיכט,
צעצווייגט מיט בוים און בלאַט, ווי ס׳זינגט דער דיכטער... —
נאָר אויף אַ שטיקל צווייגל וואַרט און וואַרט די קיך...

אַ פענצטערל מיט ביימער, מיט אַ גאַנצן וואַלד,
נאָדיר צווייגן, שפּענער, נאָדיר קין, —
טאָ פאַרוואָס־זשע שטייט דאָס קיכל אַזוי קאַלט
און אַלע טעפּלעך זענען קאַלט נאָך פון באַגין?

ס׳האָט סטעפּקע אויף די גראָע שיכטן פראָסט
קיין ביימעלעך, קיין רויזן נישט געפונען,
זי וואָלט געזאָגט, אַז יעדע שויב זעט אויס
ווי באַלייגט מיט גרויסע, קריכנדיקע שפּינען...

נאָר זי איז נישט קיין דיכטערין. זי איז דערווייל
אַ קינד, אַ שילערין פון פערטן קלאַס,
וואָס קען נישט גיין אין שול, מוז זיצן אין דער היים
ווייל ס׳דאַרף די מאַמע אירע שיך אין גאַס.

איין פּאָר שיך האָט סטעפּקע מיט דער מאַמען,
איין פּאָר אַלטע שיך פאַר ביידנס פיס,
דאַרף זי גיין אין שול — דאַרף גיין די מאַמע
וואַשן גרעט, צי דילן רייבן ווו עס איז.

באַגינען גייט דער טאַטע מער נישט צום טאַרטאַק —
אַוועק איז ער צום נאָענטסטן וואַלד גאַנץ פרי
אָנקלויבן אַ ביסל שפּענדלעך, צווייגלעך אינעם זאַק.
און אויף אַ שטיקל צווייגל וואַרט און וואַרט די קיך...

זי האָט אַליין געזען, ווי ר׳האָט צום מאַכן פייער
פון אַ בענקל נעכטן אָפּגעהאַקט אַ שטיק.
איז דאָ אַ וואַלד — איז וועט ער מוזן סטייען, —
נאָר וואָס קומט ער אַלץ, דער טאַטע, נישט צוריק?...

עס גייט צו ווייַ־נאַכט שוין און ס׳גייט צו ניי־יאָר, —
ווייַ־נאַכט... ווייַ־נאַכט... ווי איז צו דער ווייַ־נאַכט
אין קאַלטע שטיבעלעך, אין פּראָסט פּאַרטייעט,
וואָס שטיקן זיך מיט קללות און געוויינען,

ווו אנשטאַט כּאַינקעס מיט לייכטנדיקע ליכטלעך,
צעבליט מיט אַלדאָס גוטס, באַהאָנגען און באַצירט,
הענגט אַראָפּ פון יעדער שויב, פון יעדן סטריך דאָ
אייז־ליכט שאַרפע, שטעכיק און געדיכט.

די שטאָט האָט שוין די קראָמען אויסגעסטרויעט
מיט נאַקעטע מלאכימלעך אין בלאָנדע לאָקן,
וואָס פליען שטיל אַראָפּ פון הייכקייטן פון בלויע,
גליקלעכע און גוטע בשורות אָנצוזאָגן.

פּאַפּירענע מלאכימלעך מיט גוטע, מילדע אויגן,
מיט פרום־פאַרהויבענע און בעטנדיקע ווייעס, —
איר זענט צו סטעפּקען קיינמאָל נישט דערפלויגן
און איר וועט קיינמאָל נישט צו איר דערפליען.

בלויז אין מעשהלעך אין בילדלעך און אין לידלעך
קומט יעדעס יאָר צו גיין דער „שוויענטי מיקאָלאַי״, —
ער איז מסתם געבליבן מיטן זעקל שוין אַ מידער
און אויפן וועג פאַרזונקען ערגעץ אין אַ טיפן שניי.

ער וועט נישט קומען דורכן קוימען, דורך דער טיר —
עס קומט פון דאָרטן בלויז אַ וואָיענדיקער ווינט —
אויפן טאַטן ווארט זי, און וואָס קומט ער נישט צוריק?...
אַלע טעפּלעך זענען קאַלט דאָך, קאַלט נאָך פון באַגין.

און ס׳האָט זיך אָנגעלייגט דער פראָסט אין טאָפּל־שיכטן,
פאַרשטעלט דאָס קליינע פענצטערל — אַ שיכט אויף שיכט,
צעצווייגט מיט בוים און בלאָט, ווי ס׳זינגט דער דיכטער... —
נאָר אויף אַ שטיקל צווייגל ווארט און ווארט די קינד...

13

נאך האלבער נאכט...

עס שלאָפט שוין מסתמא
דער ווינט אויפן דאַך,
די בלעטלעך אויף ביימער,
די ביימער ביים שליאַך.

די פישלעך אין וואסער,
אין אויוון די גריל, —
נאָר עמעצער וואכט
אין דער שטיל, אין דער שטיל.

אויפן באַלקן אַ שאָטן —
אַהער און אַהינצו, —
דאָס איז דאָרט אויבן
דער שאָטן פון מינטשען.

דער שאָטן איז גרויס
און דאָס לעמפל איז קליין,
און זי זיצט אַזוי לאַנג
ביז עס גייט אוים אַליין.

איבער כתב־ידן
אַריבערגעבויגן.
ס׳יאָגט אַף די פעדער
דעם שלאָף פון די אויגן.

ס׳קען איצטער מינטשע
שוין שרייבן גאַנץ פיין,
שרייבט זי אַן אויפרוף
צו גרויס און צו קליין.

אין שטוב שלאָפן אַלע,
די שעניקעס כראָפען,
עס קרעכצט דער צופוסנס,
עס קרעכצט דער צוקאָפנס.

צוגעשמידט זענען
אירע וואַכיקע אויגן
צום ליכטיקן אויפרוף,
צום ליכטיקן בויגן.

עס וועקט זיך דער טאַטע,
פון שלאָף רופט ער: מינטשע,
וואָס גייסטו נישט שלאָפן?
עס טאָגט שוין אין פינטשעוו!...

אַן אויפֿטו גאָר — גיט ער
אין קישן אַ מרוק —
אויסברענען נאַפֿט... —
און ער שלאָפֿט איין צוריק.

זי קורטשעט זיך איין,
זי וויל קלענער נאָך ווערן,
זי שווייגט, ווי זי וואָלט זיך
געמאַכט גאָרנישט הערן.

און ס'לעמפּל איז טונקל,
דאָס לעמפּל איז קליין,
נאָר זי זיצט אַזוי לאַנג
ביז עס גייט אוים אַליין.

דאָס גלעזל אין באַלקן
האָט שײַנענדיק רונד,
אַ לאָך אויסגעביסן —
אַ גאָלדענע זון.

און דער שאָטן איז גרויס,
ער קריכט אויף דער וואַנט,
פֿון מינטשען אײַנגאַנצן
איז גרעסער זײַן האַנט.

ער ציט זיך אוים גרעסער
ער ציט זיך אוים לענגער;
די שטוב, דאַכט זיך, ווערט אים
גאָר שמעלער און ענגער,

ווי אויסשטופן וואָלט ער
געוואָלט צו דער נאַכט
און אויפהייבן רעשיק
דעם בוידעם, דעם דאַך.

און ס׳לעמפל ווערט טונקלער,
עס וויל גאָרנישט וואַרטן, —
דער אויפרוף, דער אויפרוף
מוז זיין מאָרגן פאַרטיק.

עס וואַרטן אויף אים
אַלע בענק פון די קלאַסן,
דער פלויט פון דער שול,
און די ביימער ביים וואַסער,

דער סלופ ביי דער בריק
און דער טונקל פון נאַכט, —
אוי, לעמפעלע, גיי נישט אוים,
לעמפעלע, וואַרט.

די קנויט זופּט דעם נאַפּט,
ווי אַ דורשטיקע צונג,
אַ טראָפּן נאָך טראָפּן,
אַ שלונג נאָך אַ שלונג.

צום סוף שוין דערזופּט,
ביז דער טרוקענער דנאָ,
און דער חושך ער איילט זיך
און יאָגט און יאָגט אָן...

ווי ער וואָלט זיך, דער חושך,
מיט מינטשען פּאַרמאָסטן —
— איז נאָדיר אָן אויפזיין,
אַ שרייבן, אָט האָסטו!...

אויפן העלדזל פון גלעזל
ער גיט זיך אַ רוק
און ער כאַפּט עס אָרום,
ווי ער וואָלט עס געשטיקט...

ווערט דאָס פלעמל אַ רויטס,
ווערט דאָס פלעמל אַ בלוים,
גיט צום סוף נאָך אַ קרעכץ,
און אַ צאַפּל — און אוים...

ס׳קען איצטער מינטשע
שוין שרייבן גאַנץ פיין —
שרייבט זי אַן אויפרוף
צו גרויס און צו קליין.

אַזוי וועט זי זיצן
אַפילו אַ שעה,
ביז צו די ערשטע
סימנים אויף טאָג.

אַזוי וועט זי וואַרטן,
אַזוי וועט זי בלייבן, —
זי מוז היינט, זי מוז נאָך
דעם אויפרוף דערשרייבן.

14

דער ערשטער שניי

איז געפאַלן דער ערשטער שניי.

ווייס.
זענען אויפגעשטאַנען געסלעך אינדערפרי
און אַליין זיך נישט דערקענט.

אויף הונדערטער, הונדערטער קויטיקע שייבלעך
האָט דער פראָסט מיט אייז, ווי מיט אייזן,
פאַרקראַטעט די שיין.

און אַז דעם הונגער איז דאָרט ענג געוואָרן
צווישן קאַלטע, גראָע ווענט —
איז ער אַרוים אויפן לאַנגן, ווייסן וועג,
מיט אויפגעהויבענע,
מיט צאָרנדיקע הענט...

— — — — — — — —

און הערט, —
אויף שטילער, אויף ווייסער, פאַרשנייעטער ערד
גייט קינד-און-קייט,
טרעט קינד-און-קייט,

מיט שטיוול-טראָט שווערן,
מיט כאַדאַקעס אַלטע,
מיט אַניצעס נאַסע,
מיט באָרזועס מיט הוילן —
די שנייענע שטילקייט אויף שטענדיק צעשטערט!

אַ שטילע, פאַרשנייעטע ערד
האָט געהערט:
מענטשן. קולות. טריט.
האָט זיך די שנייאיקע שטילקייט געוועקט,
האָט זיך אַ שטילע, פאַרשנייעטע ערד
דערשראָקן
און ווייסער געוואָרן פון שרעק.

ס'גייט אַ פאַרהונגערטער, קאַלטער ראַיאָן,
ס'טראָגט זיך אַ קאַלטער, פאַרהונגערטער קאַנט —
נאָך ברויט!
האָט זיך געטראָפן אַ דאָרף מיט אַ דאָרף,
האָט זיך באַגעגנט אַ וועג מיט אַ וועג,
איז ענגער געוואָרן —
איז וואַרעם געוואָרן,
זענען ווי שטיינער געפאַלן די רייד:
— גיט אָפּ אונדזער ברויט! —
זענען אַוועק ווי שטיינער די רייד,

זענען אַוועק, געפּלויגן, אין לופט זיך געדרייט —
איבער קעפּ. —

איז געפאַלן דער ערשטער שניי.
— — — — — —

אַט איז ער דער טאָג דער באַשטימטער,
אַט איז ער,
אַט איז ער געקומען.
עס איז דאָך אַ טאָג היינט ווי אַלע,
אַ טאָג אַ געוויינלעכער, פּראָסטער,
טאָ וואָס דאַכט זיך אַלעמען אוים היינט,
ער איז עפּעס גאָרנישט דער זעלבער.

עס פּיבערט אַ מאַרק אין דערוואַרטונג,
פּיבערט אין שרעק און סכנה.
צעכראַסטעטע שוואַרצע געוועלבער,
פינצטערע קלייטן און קראָמען,
מיט אומעט און לאַנגווייל פאַרפולט,
גאַפן אַריין אינעם דרויסן
מיט ברייטע צעעפנטע טירן:
— וואָס איז?
און וואָס גייט זיך דאָ טאָן? —
זאָל־זשע זיין,
זאָל זיך טאָן וואָס עס וויל!...

פיבערט אַ מאַרק אין דערוואַרטונג,
אין אומרו, אין שרעק און געווימל,
פיבערט אין פרייד און אין קראַפט,
ער וועט באַלד מיט קולות אַ שפּאַר־טאָן
אין דער הייך, וועט דער רואיקער הימל
דער היגער די ערד נישט דערקענען
און קוקן צעמישט און פאַרגאַפט.

אָט איז ער דער טאָג דער באַשטימטער,
אָט איז ער,
אָט איז ער געקומען,
מיט רוישיקע מענגעס
מיט ברייטע,
פון אַלערליי וועגן, שאָסייען,
פון אַלערליי געסלעך און זייטן.

ווערן אַלץ גרעסער און לענגער
די רוישיקע טונקעלע מענגעס,
וואַקסן־אָן אויפן מאַרק דעם פאַרשנייטן,
ווי טינט־פלעקן שוואַרצע און גרויסע
אויף לעש־פּאַפּיר קלאָרן און ווייסן.

ווערן אַלץ ענגער די מענגעס,
און פולער — מיט כוחות פאַרשטאַרקטע.

קוקן פאַרחידושטע קראָמען:
וואָס גייט מען אַזויפיל אַהער דאָ?
וואָס איז דאָס דען היינט פאַר אַ מאַרק־טאָג?
וואָס רעדט מען אַזויפיל כסדר? —
דאָס דינגט מען זיך דאָרטן מסתמא...
וואָס גייט מען דאָס דאָרטן פאַרהאַנדלען,
אַז מען שפּרייט נישט קיין סחורה פאַנאַנדער?...

אָט ווערן די קראָמען פאַרהעמערט, —
העי, קראָמען, איר מוזט זיך פאַרמאַכן!
אַזוי צי אַזוי, זיך פאַרמאַכן:
אָדער אַרויסיאָגן קרעמערס,
אָדער באַהאַלטן אין פּחד!
שנעלער! איר מוזט זיך באַקלערן! —
און ס'פּאָכן און צאַפּלען די טירן,
ווי פינטלענדיק־אייליקע וויעס,
און קלערן: וואָס מאַכן, ווי מאַכן?...

העי, קראָמען, איר מוזט זיך פאַרמאַכן, —
מען איז נישט געקומען היינט האַנדלען,
מען איז נישט געקומען זיך דינגען,
פאַרשפּרייט נישט קיין שניט־סחורה איצטער —
מען דאַרף נישט, מען וויקלט פאַנאַנדער
אַ בונט־רויטן טוך שוין אַ צווייטן,

און ער וועט שוין פלאַטערן אַנדערש
און אייער שטאָק־פּינצטער פאַרדעקן.
אָט, זעט, ווי מען אײלט זיך צו אים דאָרט
פון אַלע אַרומיקע עקן.

אונטער פּיס —
דער שנײי צעברענט,
איבער קעפּ —
אַ טראַנספּאַרענט,
צינדט אַצינד
די לופט פאַרשייט —
גייט און גייט
קינד־און־קייט

העלער, בונטער
טראַנספּאַרענט,
מ'רינגלט דיך
אַרום מיט הענט.
און נאָך דיר
אין לענג, אין ברייט,
גייט און גייט
קינד־און־קייט.

העלער, בונטער
טראַנספּאַרענט,

זע, ווי ס'איז
צו דיר געווענדט:
פעלד, ווארשטאַט,
גאַס און קלייט —
גייט און גייט
קינד־און־קייט.

אונטער פּאַלעס —
זאָרג און ווינט,
גייט דער אָטעם
גיך־געשווינד.
פּראָסט אין וואָנסעס,
ווייס פּאַרשנייט —
גייט און גייט
קינד־און־קייט.

די ערד אַליין,
וואָס יאָרנלאַנג
דרייט זיך אין איר
רונדן גאַנג,
גייט אויך מיט,
גייט מיט פרייד,
ווען עס גייט
קינד־און־קייט.

הויכער, שטאָלצער מאַגיסטראַט,
שיינער, העלער ראַטהויז!
מען קומט צו דיר,
מען גייט צו דיר
מיט טענות
און מיט מאַנונג
אויף צאָרנדיקע, פּלאַטערדיקע,
אויפגערוישטע פּאַנען.

הויכער, שטאָלצער מאַגיסטראַט,
שיינער העלער ראַטהויז,
וווּ ווילסטו גיין?
וווּהין, וווּהין, דורך וואַנען? —
ביסט אומעטום פאַרשטעלט מיט אונדזער טראַט,
נישטאָ קיין וועג וווּהין זאָלסט קענען גיין פון דאַנען,
נישטאָ קיין וועג דורך וואַנען זאָלסט זיך לאָזן, —
צודריקן דיך צו דער וואַנט,
און צודריקן דיך צו דער ערד
גייט איצטער אונדזער קול,
גייט אונדזער העזה.

עס האָט דער אויפגערויש פון מענטשלעכן גערודער
פון טריט און קולות
אָנגעטראָפן זלמנען אין גאַס,

די הענט פאַרשטעקט אין קעשענעס אין הוילע,
די פיס — אין שלעפּנדיקן פּוסט־און־פּאַס.
ער קוקט:
אַזויפיל פּנימער באַקאַנטע,
און מענטשן פרעמדע — מענטשן ווי זיינס גלייכן,
און אַלע בלייבן אויפן פּלאַץ ביים ראַטהויז,
ביי דער וואַנט דאָ.
זאָל ער אָפּטרעטן פון דאַנען?
צי גאָר זאָל ער שטיין און קוקן?
ווי איז גלייכער?

גיך!... —
נאָר סיי־ווי האָט ער נישט באַוויזן צו דערטראַכטן —
פון זיין ביי דער זייט איז איצט
געוואָרן שוין אַן אינדערמיט —
ס'האָבן ענג־געדיכטע גייענדיקע גרופּן
הינטער אים גענומען זיך אַ שפּאַר־טאָן
און נאָך און נאָך,
אַלץ נייע רייען שטופּן זיך און שטופּן,
און אומגעזעען האָבן אים די רייען מיטגעצויגן,
מיטגעצויגן, מיטגעריסן, מיטגעשלעפּט,
און ווו ער קערט און ווענדעט נאָר די אויגן
זעט ער קעפּ, און קעפּ, און קעפּ.
און צווישן אַלע קעפּ דערזעט ער אויך זיין צירלען

און אַלע מענטשן ווערן עפּעס נעענטער,
און אַלע הייסן: צירל...

ער הערט פון אַלע זייטן:
— גיט אונדז אַרבעט אָדער ברויט! —
ער וויל דאָך אויך, ער וויל דאָך אויך —
ווי־זשע? זאָל ער שרייען אויך?
עס פּאַסט פאַר אים?
וואָס זאָל ער טאָן? —
און ער פילט, ווי צווישן מענטשן גאָר אַ סך
איז גוט צו זיין,
איז גוט צו שטיין,
און ביסלעכווייז הערט אויף צו קלאַפּן אַזוי גיך דאָס האַרץ,
און ביסלעכווייז שוין הערן אויף צו ציטערן די קניען.
— — — — — — —
האַרט ביי דער ערד בלייבן אַלעמענס טריט
איינגעשפּאַרט, פאַרעקשנט,
און פון אַלעמענס בליק
צום גאָרן פליט
דער פאַרדראָס,
ווי אַ שאַרפע האַק שוין.
ווערט ענג דעם שטאָלצן הויכן ראַטהויז
אויף דער ערד,
ער וואָלט איצט גערן איינגעזונקען טיף אין איר,

צי אָפּגעריסן זיך פון איר
און הויך אַוועקגעפלויגן ערגעץ,
נאָר נאַקעטע געשרייען נעמען שטייף אַרום
זיין טורעם, ווי אַ גאַרגל,
און שטיקן אים און ווערגן.
וווהין?! — דאָ וועסטו מוזן שטיין און הערן,
ווי ס׳פאַלן אויף דיר הילכנדיקע טענות.
וווהין?! — דאָ וועסטו מוזן שטיין און זען
ווי מען שפּייט אויף דיר מיט הונגער־סלינע,
ווי מען שפּייט אויף דיר מיט קלעק
און שיטנדיקע שטיינער.

און זלמן, לעבן אַלטן פּאַרקאַן נאָנט,
אויף אַ לויזן, קרישלדיקן ציגל אָנגעשפּאַרט,
איז מיט אַלעמען געשטאַנען
און געוואַרט.

די פּאַרע פון די מיילער האָט געשטאַרקט זיך,
זיך אויסגעמישט פון יעדנס אָטעם גלייך
און בייז־צעשויבערט
הויך זיך אויפגעהויבן,
עקשנותדיק האָט אַלץ דער קאַלטער שניי
געביסן אין די פרירנדיקע פּיאַטעס.
דערוואַרטונג, אומרו — צווישן ערד און הימל.
שאַרף און קאַנטיק קוקן אָן זיך ווייסע דעכער,

און דער באַלקאָן פון ראַטהויז,
ווי אַ בולטע געדיכט־אָפּשטייענדיקע ברעם,
קוקט אַראָפּ אויף אַלעם גאוּוהדיק און שטעכיק.

אַט גיט זיך אין באַלקאָן דאָרט אינעווייניק עפּעס אַ באַוועג —
ס׳האָט עמעצער דאָרט הויך הינטערן אייזערנעם געפלעכט
הין און צריק געפּלאָנטערט זיך, געצאַפּלט,
ווי אַ צעשראָקן, אַ געפאַנגען חיהלע אין אַ פּולאַפּקע:
— מען בעט די בירגער צוּוואַרטן און זיך באַרואיקן,
אָן ענטפער וועט באַקומען באַלד די דעלעגאַציע...

דורך קלאַפּנדיקע פּיס,
דורך קלאַפּנדיקע דופקס,
דורך שאַרכנדיקע פּאַלעס,
דורך שאַרכנדיקע אָטעמס,
דורך פינגער פּראַסטיק־שטייפע —
שפּאַרט דער אומגעדולד.

עס שניידן אָן אויפהער די ליכטיקע שויבן
בייזע דאַשקעס פון קאַשקעטן,
עס רייסן זיך צאָרנדיקע דערעס און טיכלעך
ביי פּויערטעס —
— ער, וואָס געדויערט עס?!
— ער, וואָס געדויערט עס?!

דורך דראָענדיקע לאַכעס,
דורך אָפענע און הוילע,
דורך בושהדיקע לאַטעס,
דורך לעכערדיקע זוילן —
שפּאַרט דער אומגעדולד.
דורך ענגע שטריק און רימענס,

אין אויגן ווערט ביטער און האַרב,
געמורמל הייבט אויף זיך און וויגט זיך,
און מיט שווייגנדיקער רוגזה און פאַרדאַכט
קוקן טיף־אַראָפּגערוקטע קוטשמעס:
— עך, וואָס באַלעמוטשעט מען?!
— עך, וואָס באַלעמוטשעט מען?!

מ'האָט געקוקט צום באַלקאָן, מ'האָט געוואַרט,
מ'האָט געמיינט,
ס'וועלן ענטפערן מענטשן —
און ס'האָבן געענטפערט גאָר — פערד...

פּאַדקאָוועס האָבן גערעדט מיטן ברוק
און ס'האָבן די מאָרדעס געהאָרכט און געפאָלגט
און פאַרוים זיך גערוקט און פאַרוים זיך גערוקט.

די בלאָקייט פון הימל מיט שווערדן צעפּליקט,
עס צאַפּלען די ציימלעך, זיי ציען אַוועק —
מיט פערדישע טלאָען אויף לעבן, אויף גליק.

צעטומלטע פערדישע פיסקעס אין שוים,
פלאַמיקע צורות פון רייטער אין שוויים,
די ערד אין צעשראָקענער ווייסקייט פון שניי.

ביי פערד — די צערודערטע ווידלען אין ווינט,
ביי רייטער — די וואָנסעס פאַריסן מיט שטאָלץ,
און ס'קיצלט דער שטאָל פון די שפּאָרן: געשווינד!

העי, פערדעלעך, גיכער, העי, פערדעלעך, העי,
עס הירזשעט זיך זיכער, עס הירזשעט זיך פיין,
נאָך מלוכהשער קעסט, נאָך מלוכהשן היי...

צעפלאַטערטע גריוועס, ווי שייטערס צעברענט,
עס טרייבט זיי דער ווינט שוין דאָ נענטער אַהער,
פאַרלעשט זיך אַ פאָן... און פאַרגייט... און פאַרבלענדט...

געשוואָלענע גומע לויפט גיך און געשיקט,
שפּרינגט-אָפּ מיט געסווישטש, מיט געשריי און מיט שטויב,
און צעשראָקענע פערד בלייבן שטיין — אויף צוריק.

האָט אַ שפּילקע געגעבן אַ בים אין פערד
און ס'וועלגערט אַ רייטער אויף דרערד אונטער זיך,
און קאָזשלקעס מאַכט עס אהין און אהער.

אַ פאָן אַ צעפליקטע, אין שניי און אין קויט,
אַ קאַלוזשע בלוט אונטער פערדישע פיס,
אַ פאָן ליגט צעטרעטן, פארשעמט, אָבער רויט.

צעפלאָשעטע פּאָלעס, צעפלאָשעטער טומל,
אין בליק גיט אַ פּאַכע דער שטאָלענער נאַקעט, —
געפּאַר האָט פאַרינגלט, געפּאַר האָט פאַרנומען.

נאָר מיט מענטשן אַ סך, נאָר מיט מענטשן אַ סך,
איז גאָר בעסער צו זיין, איז גאָר בעסער צו שטיין, —
אַזוי האָט דאָך זלמן נאָך פריער געטראַכט.

ווו איז ער? ווער זעט עס אים איצט נאָך אַרוים?
דער געדראַנג איז געדיכט און דער פאַרקאַן איז נאָנט —
און דער ציגל אין האַנט — אַזוי קרישלדיק-לויז;

נאָך אַ שטופּ און דער ציגל — באַזונדער ביי אים,
ער איז אין דער האַנט און די האַנט, דאַכט זיך, גליט, —
וואָס מאַכן, וואָס מאַכן, וואָס טאַכן מיט אים?..

ריטשקעלעך בלוט רינען אַף אינעם שניי,
פליסן זיגזאַגיק ווי העל־רויטע שלענג,
און בייסן זיך איין ביזן נאַקעטן שטיין...
— — — — — —

האָט נאָך אַמאָל דער שיינער שטאָלצער ראַטהויז
פאַרהויבן היינט זיין הויכן, שלאַנקן טורעם
מיט זיכערקייט, טריאומף,
און מיט נצחון.
ער קוקט זיך איצטער גאַווהדיק אַרום
אויפן פּלאַץ אַן אָפּגעליידיקטן און שטילן,
וווּ ס׳וואַלגערט זיך:
אַ שטעקן פון אַ פאָן,
אַ שוך,
אַן אָפּגעפּליקטער אַרבל,
אַ קאַשקעט,
אַ פּאָר צעהאַקטע ברילן.

האָבן מענטשן געריייניקט, געקערט און געראַמט
און מיט אָפּגעדעקטע הוילע שטיינער
האָט דער ברוק אַרויפגעשטשירעט אין דער הייך
און פון אויבן האָט אַראָפּגעקוקט דער הימל, ווי פאַרחידושט:
איז דאָס זיין שניי?
טאַקע זיין שניי?...

15

ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט ביינאַכט ?...

ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט ביינאַכט ? —
יאַנקעלע באַראַבאַנטשיק,
עפן, עפן, בראָנטשעלע,
איך בין דאָך דיין קאַכאַנטשיק.

— — — — —
— — — — —

נישט אַזוי, נישט אַזוי, נישט אַזוי
קלאַפּט מען אין היינטיקע לידער,
נישט אַזוי, נישט אַזוי, נישט אַזוי
קלאַפּט מען אין אונדזערע לידער.

אין טיפער רו פון שפּעטער נאַכט
האָבן אויפגעציטערט טירן אונטער קלעפּ,
און ס'האָט די נאַכט עפּעס אַליין זיך ווי פאַרחידושט,
און ס'האָט די נאַכט עפּעס אַליין זיך ווי פאַרקלערט :
יאָרנלאַנג ווי ס'איז אַ שטיבל דאָ פאַראַנען,
יאָרנלאַנג, און צו דער ערד ווי צוגעקלעפּט,
און נאַכט נאָך נאַכט אין פינצטערניש פאַרזעסן,
און נאַכט נאָך נאַכט אין פינצטערניש פאַרוועבט.
זעלטן אַז מען האָט עס ווען, אַ שלאָפנדיקס, דאָס שטיבל,

מיט לעבעדיקע הענט ביינאַכט געוועקט,
בלויז דער ווינט האָט זיך אַמאָל דערצו פאַרקליבן
אין די דינע שפּאַרעס פון די טירן
און געיאָמערט דאָרט מיט אימה און מיט שרעק,
נאָר איצט, פון שלאָף פון טיפן אויפגעכאַפּט
עס הערט זיך איין:
מען קלאַפּט! מען קלאַפּט! מען קלאַפּט! —

ווער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט ביינאַכט?—געטראַכט האָט זלמן
און אַ מבולבלער אַראָפּ פונעם געלעגער,
אין ווייסן האָט ער אין דער לופטן דורכגעפּלאָנטערט
און מיט די לאַנגע פיס די פינצטער דורכגעשווירן.
— עפענען דאָרט גיכער, עפענען די רגע! —
רייסן הויכע שטימען זיך צו זיינע אויערן.
אין שטח פון דער אויפגעמאַכטער טיר, פון דרויסן, זעט ער,
אַ פרעמדע צורה רוקט זיך אָן, אַ צווייטע און אַ דריטע.
מיט פעסטע, שווערע שטיוול-טריט די שוועל איבערגעטרעטן,
און באַהאַנגען מיט געוואַלד, מיט לויער און מיט נאַכט,
און באַהאַנגען מיט געווער, מיט דראָאונג און מיט שרעק —
אינעם שטיבל איז אַריין — די מאַכט.

— צירליאַ ווער איז דאָ? — רופט אויס איין שטים, —
איר אַנטאָן ווייזט אַהער דאָ, וועלכעס איז עס?!
איר וועט נאָך, פריילין, צוואַרטן אַ פּאָר מינוט

ביז מירן דורכפירן אין וווינונג די רעוויזיע,
איר וועט זיך קענען מאַכן באַלד די טואַלעט...

ס'האָט צירל זיך די ערשטע אויפגעוועקט
און פאַרשטאַנען, אַז מען איז נאָך איר געקומען,
קוקט זי איצט דערפאַר גאַנץ רואיק פונעם בעט,
זי וואָלט געוואָלט נאָר איינס : אַז טאַטע-מאַמע
זאָלן איצט נישט האָבן פון איר צופיל עגמת-נפש,
און דער עיקר: ס'זאָל די מאַמע זיך נישט נעמען שטאַרק צום האַרץ.
דערפאַר איז איר נישט ניחא איצט זיך אָנצוטרעפן
מיט דער מאַמעס שרעקעוודיקן בליק.
— מאַמע, שרעק זיך נישט... האָט צירל זיך געבעטן,
מען וועט נאָר אויספרעגן... וועסט זען... כ'וועל זיין צוריק...
און ס'האָט די מאַמע זיך געבעטן שטיל ביי איר:
— קינד, האָסט אפשר עפעס-וואָס... אַזוינס...
טאָ זאָג מיר ווו, וועל איך עס שוין פאַרשטעקן...
— גאָרנישט... ניין... פאַרשטעל מיך נאָר, איך וועל זיך אָנטאָן.
און ס'האָט די מאַמע זיך געשטעלט פאַר איר, פאַרן געלעגער,
(און אין אויג ביי איר האָט זיך געשטעלט אַ טרער).
יעדע מוטער-חיה וואָלט אַזוי מסתמא אויך פאַרשטעלט
די נאָרע צי די נעסט מיט אירע קליינע
און זיי פאַרטיידיקט מיטן האַרץ און מיט די נעגל.
אוי, ווען די מאַמע וואָלט געקענט פאַרשטעלן מיטן האַרץ

די געפֿאַר, וואָס לויערט אויף איר צירלען, אויף איר קינד,
און ווען זי וואָלט געקענט אַזוי אַצינד
באַהאַלטן זי אין זיך, אין גוף, אין אינגעווייד,
ווי זי איז עס געוועזן שוין אין איר באַהאַלטן
אַמאָל, מיט איין-און-צוואַנציק יאָר צוריק...
אין ווינקלען און אין לעכער, וווּ ס'איז שטענדיק פֿינצטער,
וווּ ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט קיין ליכט דערלאַנגט,
האָט זיך איצט אַריינגעריסן די רעוויזיע-שיין,
און אומעטום, פֿון יעדער אָרט-באַהעלטעניש דער מינדסטער
עס לויפֿן ווערעם, אויפֿגעוועקט, דערשראָקן, אין בהלה,
און ווייסן נישט אין ליכט וווּ-אויס, וווּ-איין...

דער שטויב פֿון ביכער איז אַן אַנדערער, ווי אַלע שטויבן,
אים פֿאַרטראָגט מען ווייל ער איז אונדז ליב און ניחא,
ביי יעדן מיש, ביי יעדן אויפֿגעמאַך פֿון טאָוולען
מיט שטאָלץ ער הייבט זיך אויף צום פּנים פֿונעם זוכער.
אָט האָט זיך איינער אויפֿן שוסטער-בענקעלע געזעצט,
(כאָטש גיי דערלאַנג אים נאָר אַ שטיוול אין די הענט!)
ס'בענקעלע, פֿון אַלטקייט שוואַך, צעוואַקלט און צעפּאָרן,
האָט גלייך צוליב זיין וואָג זיך שווער צעקרעכצט.
ער מישט, ער קוקט, ער שליידערט, און אויף דרערד
ליגן אַנגעוואַלגערט צירלס קינדער-יאָרן —
העפֿטן, בלעטער, שול-ביכער, פּאַפּיר;
מיט זיין אויג ווערט איצט דאָס לעבן דורכגענומען.

נאַטיצן שאַרף און העל, מיט רויט באַצייכנט,
רייצן זיך מיט אים און שרעקן...
פון אַ בוך אַרויסגעפאַלן איז אַ בלימל,
אַ זומערדיקס, אַ שיינס, פאַרוועלקט און צוגעפּלעטשט,
ס׳בלייבט ליגן אויף דער ערד באַליידיקט און פאַרשעמט,
און אָט האָט ער פון אָרט זיך אויפגעשטעלט
און מיט זיין שווערן טראָט עס שוין צעקוועטשט...
ס׳האָט מינטשע צוגעקוקט זיך פונם געלעגער,

געזען די פרעמדע שאָטנס קריכן אויף די ווענט,
אָט האָבן זיי זיך אויסגעבויגן קרום אויפן סופיט,
איר דאַכט, זיי ציען זיך, ווי טונקלע לאַפּעס
פון עפּעס מאָדנע, גרויסע, בייזע חיות.
און באַלד, זיי וועלן דאָרט איר שוועסטער צירל
אין זייער טונקלער האָריקייט פאַרכאַפּן.
זי הערט נאָך צירלס לעצטן: „זייט געזונט!“
און די טריט, וואָס גייען אויס אין שטילן דרויסן,
זי דריקט זיך איצטער פעסטער צום געלעגער,
טוליעט איין זיך אין דער ווייכער טיף,
וו עס איז נישט לאַנג ערשט צירל נאָך געלעגן,
און זי בלייבט אַזוי פאַרוויקלט אין דער וואַרעם,
וואָס עס איז געבליבן איר פון צירלס גוף...

16

זייט געזעגנט !

זייט געזעגנט, שוועסטער, זייט געזעגנט ברידער,
מירן זיך נאָך טרעפן, מירן זיין דאָ ווידער.

שווייגן שטיל די הויפן, שווייגן די פאַרטאָגן,
ווען די קייטן־קלאַנגען אין דער לופט זיך טראָגן.

ס׳טונקלען נאָך די דעכער, ס׳לעשן זיך די שטערן,
ווען פון די געלעגערס שלעפט מען צו פאַרהערן.

קוקן נאָך די מאַמעס, קוקן נאָך די שטיבער,
מיט פאַרוויינטע אויגן און מיט פענצטער טריבע.

שטרעקן זיך די אָרעמס, שטרעקן זיך די טירן, —
ווייסט דען עמעץ, קינדער, וווּ מען גייט אייך פירן ?

בלייבן אויף די שוועלן גליענדיקע טרערן —
— קינדער היים־געליבטע, וואָס וועט פון אייך ווערן ?

ס'האָבן ווען די קינדער הענטעלעך געקלאַמערט
אַרום האַלז־און־נאַקן פון דער גוטער מאַמען,

זיך ביים האַלז געקלאַמערט און זיך אויפגעכאַוועט —
האָט מען זיי גאָר איצטער אין אַ רינג פאַרקאַוועט...

זייט געזעגנט שוועסטער, זייט געזעגנט, מאַמעס,
מירן דאָ נאָך קומען, מירן זיין צוזאַמען.

לאַנג נאָך וועט מען בענקען, לאַנג נאָך וועט מען וואַרטן,
ווי די קינדער דאַרטן, אויפן ברעט דעם האַרטן.

זיי וועט מען באַהאַלטן אין דער טיף פון האַרצן
ווען זיי וועלן ליגן אין דער טיף פון קאַרצער.

וויינען שטיל די מאַמעס, וויינען אין באַדויער,
גראָע קעפּ אויף אַקסלען, — גראָע שטיקער טרויער.

איז אַ טרייסט פאַראַנען: ס'וועט דאָ אינעם טרויער
באַלד און גיך אַ קלינג־טאָן טריט פון נייעם כוח.

כוחות ניי־געטרייע, כוחות שטיל־פאַרבאָרגן,
שטראָמען מיטן טרויער, שטראָמען מיט די זאָרגן.

ציען די עטאַפּן, שלעפּן זיך די באַנען,
וווּ נאָר ס'איז אַ שטרעקע אינעם לאַנד פאַראַנען.

שווינדלענדיקע וועלדער, איילנדיקע לאַנקעס,
און די וועגן פירן: לאַמזשע, לוצק, און וראַנקי...

רוקט זיך אַפּ די שטאָט שוין, רוקט זיך אויף אַ הינטער,
אָט איז שוין דער טאַרטאַק, אָט איז שוין די ווינטמיל.

זייט געזעגנט, שטעטלעך, גועסעלעך און מאַרקן,
מירן זיך נאָך טרעפן, מונטערע און שטאַרקע.

ס'וועלן טעג זיך ווייזן — שטיקעלעך קוואַדראַטן,
יאָרן וועלן אַפּגיין פון די שוואַרצע קראַטן.

היצן וועלן גליען, רעגנס וועלן שווענקען, —
זיי וועט מען געדענקען, זיי וועט מען געדענקען.

אָט איז פון די אויגן שוין די שטאָט פאַרשוווּנדן,
רויט איז שוין דער מזרח פון דער זון געצונדן.

גריסט מיט איר דער הימל, פאָכעט פון דער ווייטן,
ווי אַ טוך אַ העלער — פאָכעט צום באַגלייטן:

זייט געזעגנט שוועסטער, זייט געזעגנט, ברידער,
מירן זיך נאָך טרעפן, מירן זיין דאָ ווידער.

וואַרשע-פּאַריז — 1937.

צווישן פּיר ווענט

די טענה פון אדם צו חוהן

וואָס־זשע לאָזטו נישט, פרוי, זיך באַרירן,
רוקסט זיך אָפּ אי מיט ברוגז, אי חן.
דו פאַרגעסט, אַז באַשאַפן געוואָרן
ביסט פון מיר, פון מיין בלוט און געביין.

דו פאַרגעסט, דו געהערסט מיר מיט אַלעם:
מיטן שמייכל — און גיפט — פון דיין ליפּ;
ווייל ס'האָט אונדזער כירורג — דער באַשעפער —
דיך געשניטן אַמאָל פון מיין ריפּ...

איך געדענק נישט גענוי, וואָס אָן אמת,
דאַרפסט פאַרשטיין, ס'איז שוין לאַנג, זייער לאַנג,
און חוץ דעם האָט דאָס אַלץ זיך פאַרלאָפן
אונטער בעסטן — ווייל גאָטס — שלאָף־געטראַנק.

האָסט דיין לעבן בלויז מיר צו פאַרדאַנקען
וואָס כ'האָב שניידן געלאָזט זיך פאַר דיר,
העכסט געלונגען איז מיין אָפּעראַציע —
איך בין גאַנץ און אויך דו לעבסט דורך איר.

כ׳זע, דו האָסט נישט צו מיר קיין פאַרטרויען.
דו קענסט צווייפלען, נו, יאָ, ס׳איז דיין זאַך,
נאָר דיך אויפמאָנען קאָן איך בפירוש
לויטן פסוק פון אונדזער תנ״ך...

גלויב כאָטש אים, אויב דו ווילסט מיר נישט גלויבן,
און קום נענטער, די הענט דיינע גיב.
זיי נישט ברוגז, מיין ליבע, און גלויב מיר,
כ׳וויל נישט מער ווי באַרירן מ י י ן ריפּ...

די פרוי אין וואַל

איך קוק אויף איר דורך איר וואַל,
זי קוקט אויף מיר דורך איר וואַל,
פאַרפלאָנטערט איז מיין בליק אין זיין געוועב,
און איך אינגאַנצן — אין זיין נעץ געפאַנגען;
נאָר רופן וועל איך נישט נאָך הילף,
און קיין שום רעטונג און גאולה־האַנט
באַדאַרף מיר קיינער נישט דערלאַנגען...

זי קוקט אויף מיר דורך איר וואַל,
איך קוק אויף איר דורך איר וואַל,
איך קוק אויף אים און ס׳דאַכט מיר אוים
ווי כ׳וואָלט געוועזן הינטער תפיסה־קראַטן,
נאָר כ׳טראַכט: דער גרעסטער אורטייל הינטער זיי
וואָלט נישט געקענט צעברעכן מיך,
וואָלט נישט געקענט מיר שאַטן...

צו א מיידל פון ישראל

די זון פון מזרח וואָס דו טראָגסט אויף דיין געזיכט
(דערלויב עם דיר פאַרטרויען)
דאָס איז דער שענסטער שלייער וואָס איך האָב ווען ס׳איז
געזען אויף פּנימער ביי פרויען.
שענער איז ער און באַקוועמער נאָך דערמיט
וואָס אויסטאָן דאַרפסטו אים נישט אויף א ווײַלע
בכדי איך זאָל דערזען דיין שיין געזיכט
און אַלע דיינע מעלות.
מיר דאַכט, ס׳האָט היינט צו מיר פאַרבלאָנדזשעט רחלס חן
וואָס קוקט אפּער פון אונטער דיינע ברעמען,
פאַר וועלכן יעקבן האָט זיך געלוינט
אַזש פערצן יאָר צו פּאַשען לבנס לעמער.
כ׳וואָלט אַלע יונגעלייט פון אַלע מושבים
געעצהט — און אויך זיך אוודאי און אוודאי —
פאַר דיין שיינקייט, פאַר דיין חן דאָס לעבן־לאַנג,
אַלע יאָרן פּאַשען אַלע סטאַדעס.
כ׳האָב ליב די זון — די פאָן פון אוניווערס,
(נאָר אויף דיין פּנים האָב איך ליבער זי פאַר אַלעם)
כ׳האָב קליינערהייט פון הימל כאַפּן זי געוואָלט
און מיר אין מיילעכל אַריינפּאַקן זי ווי אַ באַלעם.

נישט מיטן טאַטנס באָרד, נאָר מיט איר טשוב פון גאָלד
כ'האָב מײַנע הענטעלעך געוואָלט פאַרמעסטן,
און כ'האָב זיך גערנער מיט איר מינדסטן שטראַל געשפּילט
ווי מיטן גאָלדן קייטעלע פון פעטערס וועסטל...
היינט האָסטו זי בשפע גאָר צו מיר געבראַכט
און מער ווי דעמאָלט איז מײַן האַרץ פון איר נתפעל,
קוק איך איצטער אויף דײַן פנים און איך טראַכט:
כ'וואָלט אויסגעקושט די גאַנצע זון פון גאַנץ ישראל...

דיינע אויגן...

דיינע אויגן זענען תהומען,
ווו כ׳וואָלט גערן איינגעזונקען...
דיינע אויגן זענען ברונעמס,
ווו כ׳וואָלט גערן זיך דערטרונקען...

א זומער־רעגן

נישט לייכט איז צו פארגעסן יענעם רעגן.
מיר האבן זיך צום ערשטן מאל באגעגנט.
געווען די זעלבע — אונדזערע באגערן:
א דאך געפינען, נישט בארעגנט ווערן;
א טויער, וואס זאל ביידן אונדז באשיצן
און אונדז פארשטעלן פאר די דונערן און בליצן...
איך זע, די רעגן־טראפנס פון דיין פנים רינען,
ווי טוי פון א געשמאקן עפל אין באגינען.
מיר האבן ווערטער אויסגעטוישט געציילטע, ווייניק,
פאר אלעם ווענן רעגן (וואס האט אונדז פאראייניקט),
איך האב געקלאגט זיך אויפן זומערטאג דעם שווערן,
געבעטן שטיל, דער רעגן זאל נישט שוואכער ווערן,
ער זאל נאך דויערן — פאר אונדזער טובה־וועגן...
און, כלומרשט, כ׳האב געקוקט ווי ס׳האלט דער רעגן
און צוליב דעם ארויסגעשיקט א האנט פון טויער,
ווי ס׳האט די טויב ארויסגעשיקט צום דרויסן נח.
געווען צופרידן כ׳בין געוואר צו ווערן:
דער רעגן קלויבט זיך גארנישט אויפצוהערן...

ס׳איז לאַנג שוין, דאַכט זיך מיר, זינט יענעם רעגן
און פיינעם דאַך... צי טראַכסטו נאָך דערוועגן?
איך יאָ... ווען כ׳קוק אין פייכטע טראָטואַרן,
דערמאָן איך יענע פריידן, יענע צערן,
און כ׳טראַכט, ווען וואָלקנס דעקן צו די שויבן,
צי כ׳זאָל דעם רעגן שעלטן, אָדער לויבן...

מיר זענען געגאַנגען...

מיר זענען צווישן פעלד און פליין געגאַנגען.
געריזלט האָבן וואַסערלעך אין הויכן גראָז,
געכאַפּט פון אויבן גאַנצע שטיקער זון־גאָלד
און מיט זיי אַנטלאָפן אינדערגיך.
מיר האָבן איינגעהערט זיך און באַוואונדערט
זייער שטילן שעפּטשען און געפּליסטער, —
נאָר מערער נאָך פון זיי איז מיר געפעלן
דאָס שעפּטשען און דאָס פּליסטערן פון דיינע ליפּן...

מיר זענען אין געדיכטן וואַלד געגאַנגען.
לצנות האָט געטריבן יעדער בוים
און אונדז פאַרטשעפּעט מיט זיין צווייגן־פּלאָנטער,
און אפשר גאָר פאַרהאַלטן אונדז, פאַרבעטן...
די וועלט איז שיין געווען: אינגאַנצן גרין,
ווייל אויך דער הימל גרין — געדעקט מיט סכך, —
נאָר מערער נאָך פון גרינעם וואַלד איז דעמאָלט
געפעלן מיר די גרינע פאַרב פון דיינע אויגן...

אין זומערדיקן גאָרטן זענען מיר געגאַנגען.
מיר האָבן פונעם קוסט געריסן בלומען,
געבויגן האָט זיך יעדע מיט הסכמה

און גנעדיק זיך געבוקט, אראפגעלאזן,
און גערנוויליק זיך אליין געשענקט.
די שענסטע בלומען האב איך אויסגעקליבן, —
נאר מער פון זיי נאך זענען מיר געפעלן
די אויסגעמאלטע קוויטן אויף דיין קלייד...

מיר האבן פון דער זון געוואלט אנטרינען
און זענען צו א שאטנדיקן ארט געגאנגען,
ס'האט יעדער בוים זיין שאטן פארגעלייגט,
וואס האט פאר אונדז געשפרייט זיך מיט הכנעה;
געווען זענען אלע שאטנס קיל און גוט, —
נאר מער פון אלע איז מיר דאן געפעלן
דאס שאטנדל וואס פאלט פון דיינע וויעס...

אזויפיל גאסן האט די שטאט...

אזויפיל גאסן האט די שטאט, אזויפיל גאסן,
נאר מערער ראגן און קאפעען האט די שטאט;
פארוואס דערמאנט זיך מיר איין ראג פון אלע גראד,
וואס ווערט פארפלייצט פון שוימיקע טעראסן?

פון טישלעך גייען איבער דארט די טראטוארן,
די טישלעך גייען איבער פון געטראנק,
פארגעסן האב איך זיי געוואלט שוין לאנג,
נאר ס׳רופן מיך די טירן און פארנארן.

ווי א פארפלייצנדיקע כוואליע, די טעראסע
דערגרייכט האט מיך, אין איר רשות פארכאפט...
מיר האבן איינמאל דארט די גלעזער אנגעקלאפט
פאר עדות פון די לאמפן מילכיק-בלאסע.

אין שלאג פון גלאז אן גלאז באדארפט האט קומען
דאס גליק, ווי פונעם שטיין אן שטיין — דער פונק.
ווי א מטבע האט פארקייקלט זיך דער קלונג —
וואס אויך קיין בעטלער וואלט זי נישט גענומען.

דאָך זוך איך אים, דעם קלונג, און מיינע בליקן בלאָנקען
אין ווינקלען ווו געזעסן ביסט אַמאָל,
ווו ס׳ציטערט נאָך דער אָפּקלאַנג פון דיין קול
און אַלע שפּיגלען קוקן אויס דיין אָנקום;

ביים רויטן טישעלע זיי זוכן אונדז מסתמא,
אין טונקלען ליכט, אין שאָטנס איינגעוועבט.
דער ווייַן אין גלאָז האָט לאַנג שוין אויסגעוועפּט —
און וויפל ווונטשן אויך — מיט אים צוזאַמען.

דאָס ליכט גייט אויס. מען ציילט שוין אויס די קאַסע.
די אומגעקערטע שטולן מאַכן נאַכט.
כאָטש אַלץ האָט הינטער זיך די טיר פאַרמאַכט,
כ׳געדענק אַ ראָג, אַ שוימיקע טעראַסע...

אפּפאַר...

דו ביסט אַוועקגעפאָרן.
דער אכזריותדיקער צוג
האָט דיך פון מיר אַוועקגענומען אָן רחמנות.
איצט שטיי איך און איך קוק:
ווי שרעקלעך ליידיק איז דאָס אָרט געוואָרן
וווּ ס'איז דער צוג נאָר-וואָס מיט דיר געשטאַנען.
פאַרוואָס, פאַרוואָס קאָן איך נישט מער אַוועק פון דאַנען,
ווי כ'וואָלט עפּעס גהאַט
ביי אָט-דער ליידיקייט צו מאָנען?
דער צוג פאַרשווינדט.
זיין פייף האָט ווי אַ חלף זיך פאַרשניטן
אין חלל און אין מיר.
עס שיקט דיר נאָך מיין האַנט אַ לעצטן „זיי געזונט!"
ווי זי וואָלט וועלן נאָכלויפן נאָך דיינער,
וואָס פאָכעט ווי אַ שוועבנדיקע טויב
אַוועק פון מיר אַלץ ווייטער, ווייטער, ווייטער...
און באַלד באַמערקט זי שוין נישט מער מיין בליק
און מיטן אין-סוף ווערט זי איינס —
דיין ווייטע האַנט — מיין שוועבנדיקע טויב.
נאָר אין מיין חלום קומט זי באַלד צוריק
און אינעם טונקלען טויבנשלאַק — אין האַרץ —
זי שוועבט אַ ליכטיקע אַריין...

א ווייטער פייף

דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוון
ווי שאַרף אין מיין גוף זיך פאַרשניידט;
צי וויל עס דערמאָנען בכיוון
אַז דו ביסט פון מיר ערגעץ וויים?

זיין ניגון פון אָפּשייד און בענקען
וויברירט אין מיין בלוט, אין געביין;
ווער נאָך, ווי מיר ביידע, געדענקען
דיין אָפּפאָר, דיין לעצטן פאַרגיין

אין שויב פון וואַגאָן דעם באַוועגטן,
וואָס רירט פון דער ראַמפּע, פון ראַנד,
ווען צווישן די אָרעמס געשטרעקטע
פאַרלעשט זיך דער פאַך פון דיין האַנט...

אַ פייף האָט אין גוף זיך פאַרשניטן
מיט שאַרפקייט פון מעסערס, פון העק;
ער האָט מיט מיין ליד זיך פאַרביטן, —
מיין ליד איז ער זינט ביסט אַוועק.

געוואָרן איז ער דיינס אַ צייכן,
ער רופט מיך, ווי ס׳רופט מיך דיין שטים;
איך וועל ווי אַ נאַכטוואַנדלער שלייכן,
אין ווייטקייט זיך לאָזן נאָך אים...

פאַרלאָזן וואָלט איך מיין געלעגער
ווען ס׳וועקט מיך ביינאַכט זיין וויבריר;
ווי נאָנט ווערן מיר אַלע וועגן
און קורץ — ווייל זיי פירן צו דיר...

צייט...

ס'איז געוועזן נאַכט.
און ס'איז געוואָרן טאָג.
אַ דאַנק דעם פיינעם פּסוק פון תנ"ך,
וואָס האָט מיר די ידיעה אָנגעזאָגט;
ווי דאַנקבאַר בין איך דעם באַשעפער,
וואָס האָט זיך מיטן טויש פון צייט
אַמאָל באַשעפטיקט און פאַרנומען.
אַ דאַנק פאַר אָט־דעם בייט
פון טאָג און נאַכט —
ווייל איר דערנעענטערט דער ליבסטערס קומען...

די קליינע ווייזערלעך פון ציפערבלאַט.
ווי גרויס און פיין ס'איז זייער פּעולה!
איך האָב געמיינט, זיי דאַרפן שוין
— פון זייער אומגיין טאָג און נאַכט —
זיך דרייען וואַנזיניק און דולע,
נאָר איצטער האָב איך מער און קלאָר
דעם זין פון זייער גאַנג באַנומען. —
אַ דאַנק אייך, ווייזערלעך, פאַר אייער מי,
פאַר דעם געאייל, פאַר דעם געלויף —
ווייל ער דערנעענטערט דער ליבסטערס קומען...

מיט דיר

צום אויפגעפראַלטן פענצטער נייג דיין קאָפּ.
דער דרויסן שמעקט מיט מאַי און מיט קאַנוואַליע.
מיין ליבע, וויש די טרערן דיינע אָפּ,
זיי מאַכן דיינע שיינע אויגן קאַליע...

דער וואַלקן — אונדזער האַרץ — טראָגט אויס די טרער,
נאָר איצט לאָז זיך מתעסק זיין מיט איר די מאַי-זון...
זע, שוואַלבן לאָזן זיך צו אונדז אַהער —
די ליבע פרילינג-שליחים קומען זיך באַווייזן,

פאַרנייגן זיך צו אונדז מיט קניקסן אַלערליי,
זיי קומען אונדז פאַרבעטן אויף אַ יום-טוב.
אַרום דיין קאָפּ זיי טראָגן זיך פאַרביי,
כ'וועל זיי — אַ פליענדיקן קראַנץ — דיר אָנטאָן.

עס מאַכט נישט אויס וואָס זייער ניגון איז נישט ניי
און פאַראַיאָרעדיק, אַלט-מאָדיש — זייער נוסח.
גראָד אין דעם אַלטן איז די שיינקייט פון אויפסניי.
ווילקאָמען, ליבע שוואַלבן, אונדזער גרוס אייך!

קום, ס׳האָט דער מילדער מאַי נאָך אונדז געשיקט,
עס רופט דאָס זילבער־גלעקעלע פון דער קאָנוואַליע
איך זאָל אַרומנעמען די רחבות מיט מיין בליק
און מיט מיין האַנט — אַרומנעמען דיין טאַליע...

אָן איינזאַם קוועלעכל איז דיין פאַרטרערטער בליק,
ווו ס׳האָט אויף תמיד זיך די זון פאַרקליבן;
ווו ס׳שפיגלט זיך דערין דער אומעט און דאָס גליק
און דורשטיק איז מיין האַרץ אין אים פאַרבליבן.

מיש אויס דעם אומעט און דאָס גליק און קום
אַהין, ווו ס׳לאַדט אונדז איין דער שוואַלבן־פּאַכע.
מיר ווילט זיך, מיט מיין האַנט אין דיינער, אומעטום,
אויף אַלע וועגן וואַגלען אונטער דיין השגחה.

די אויפזיכט פון דיין האַנט אויף מיר פאַרשפּרייט,
פאַרשפּרייט דיין גנאָד וואָס אונטער דיינע וויעס,
פאַרהייבסטו זיי, אַנטפּלעקט זיך מיר די פרייד,
פאַרבאָרגן הינטער זיי — די פאַרהענגלעך פון צניעות...

דו שמייכלסט ווידער...

דו שמייכלסט ווידער,
דיין טרער — מיר דוכט —
פאַלט שטיל אַנידער
ווי ס'פאַלט אַ פרוכט

פון צווייג — דיין וויע.
איין רגע בלויז —
ווי זון — מיין ראיה
דיין טרער טרינקט אויס.

ווי ס'וואָלט געפלאַטערט
אי שטיל, אי גרינג
אויף שויבן גלאַטע
אַ שמעטערלינג —

דיין פייכטע וויע
מיין באַק באַרירט.
כ'האָרך פליגל־פליען,
דאָס האַרץ וויבּרירט.

די גרויסע כמאַרע
ווערט קליין, שרומפּט איין,

זי מאַכט אַ וואָרע
דער העלער שיין.

דיין פּייכטע וויע
הויבט־אויף די פרייד.
אין האַרץ מיין קריע
צערינט, צעגייט.

דאָס שטראַלן־שטיפן
איר סוף באַשטימט.
דיין אויג — אַ שיפל
אין טרערן שווימט —

צו ברעגן ווייטע
און אומבאַקאַנט,
אַהין, אַלץ ווייטער
צום טרוימענלאַנד.

עס ברענט פון ווייטן
דער מאָרגנרויט,
דיין טרער פון ווייטיק
זאַפּט־איין די הויט

פון מיינע גלידער,
ווי זון דעם טוי. — —
דו שמייכלסט ווידער —
ס׳איז גוט אַזוי.

א מענטש צווישן חיות

צווישן חיות

צוויי דאַמען גייען זיך אַרום פון שטייג צו שטייג אין זאָאָ
און קוקן אויף די בירגער חיות לוסטיק, מיט הנאה.
דאָס חיותטום קוקט נאָך די דאַמען דורך די אייזן־וועגנטלעך,
גלייך ווי זיי וואָלטן אים, פון ערגעץ־ווו, געווען גאָר קענטלעך.
ווי קומען חיות דען אויף דאַמען גאָר זיך צו פאַרקוקן?
זיי גייט בלויז אָן דער מענטש כל־זמן זיי קענען אים פאַרצוקן.
וואָס קוקן פאַרט די חיות נאָך די דאַמען פול מיט נייגער,
ווי מאַנצבילן וואָס קוקן נאָך אַ פרוי, ווי ס׳איז דער שטייגער?
וואָס האָבן זיי די אויגן צו די דאַמען אויפגעריסן? —
די חיות ווייסן ווויל פאַרוואָס — און לאָמיר אויך דאָס וויסן.

איין דאַמע טראָגט אַ מאַנטל פון אַ טיגער אַ געשפריצטן,
דער טאַש ביי איר — פון קראָקאָדיל און העלפאַנטביין געשניצטן.
די צווייטע טראָגט אַ שטרויספעדער פאַרשטעקט אין הוט, אַחוצדעם —
אַ מאַנטל פול מיט מאַלפּע, אַ באַנייטן און באַפּוצטן,
— וואָס איז מסתמא גיך און פלינק נאָר־וואָס אַראָפּ פון בוים ערשט —
דערצו אויף אירע אַקסלען, ווי אַ לעבעדיקער, כלומרשט,
אַ זילבער־פוקס מיט גאווה ליגט, געוועלטיקט זיין ממשלה.
ווי ס׳האָט דער זאָאָ דאָס דערזען איז דאָרט געוואָרן אַ בהלה,

דאָס חיותטום לויפט אום אין שטייג צעדולט, משוגע, איילריק,
ווייל יעדע פון די חיות אין די דאָמען זעט זיין חלק.
דער טיגער זעט זיין דזשונגל-הימלאַנד אין דער דאָמעס פּאַלעס,
און מיינט, אַ לאַנדסמאַן זיינער קומט אים אויסלייזן פון גלות.
די שטרויס נעמט איבערציילן אירע פעדערן, ווי ס׳מאַכט זיך,
ווייל מ׳האָט איר צוגעלקחנט איינע, חלומט איר און דאַכט זיך...
אַ גליק, דער העלפאַנט עסט געשמאַק, ער האַלט נישט פון פּאַרפּאַסטן,
און ער באַמערקט נישט זיין געביין, אין טאַש, דעם איינגעפּאַסטן.
די מאַלפּעס זעען אָנגעטאָן די פרוי אין זייער מלבוש
און קלערן, ס׳מאַכט זיי נאָך דער מענטש, ווייל ווידער ווערן מאַלפּיש.
דער קראָקאָדיל דערזעט דעם טאַש און ס׳נעמט אים היימלעך ווערן,
ער מיינט, אַ קרוב, און ער וויינט פאַר פרייד, מיט עכטע טרערן.
דער פוקס, דער חכם, זעט אַ פוקס אָן אַנדערן, אַ פרייען,
און גלויבט, דאָס איז אַ פריינט וואָס קומט זיין לאַנגווייל אים צעשטרייען.
באַלד כאַפּט ער זיך, דער פּיפיקער, און קוקט מיט אומפאַרטרויען:
וואָס איז דאָס פאַר אַ פוקס, געבונדן אויפן האַלדז ביי פרויען?...

דער זאָאָ רעשט. געפּילדערן פון מענטש און חיה שטייגן,
נאָר ס׳אַנט נישט קיינער די געהיימענישן אין די שטייגן
און פון געברום און וואָי די סיבות פלוצים-אומגעריכטע.
עס וויסן דאָס די חיות בלויז און אויך איין מענטש — דער דיכטער.

די שטרוים

זעט נאָר ווי עס האַלט זיך דאָס דער מענטש אַזוי אין גרויסן —
זאָגט מיט רעכט די שטרוים צו אירע חברטעס, די שטרויסן. —

קוקט נאָר אָן די דאַמע מיטן הוט און גרויסער פעדער —
צוגערויבט פון אונדזער ראַסע, ווי עס ווייסט דאָס יעדער.

וואָס־זשע, כ׳בעט אייך, האָט דער מענטש אַזוי דאָס צו שטאָלצירן —
אַז וואָס מיר האָבן אויפן עק, איז אויפן קאָפּ ביי אים אַ צירונג...

די קאַנגור

וואָס קוקט איר, טפּשים? — פרעגט ביי מענטשן די קאַנגור — מה רעש?
איז וואָס, אַז כ׳האָב מיר אויפן בויך אַ קעשענע, אַ טאַש?

מיין טאַש, ווי ס׳איז באַוווּסט, האָט נישט קיין שניידער אָנגעניית,
ווי אייערע — אויף אייער מלבוש, הויזן, ראָק, צי קלייד.

איר טראָגט אין אייער טאַש פאַרמעגן, אוצרות, געלט און זינד,
און איך אין מיינער, ווי מען זעט — אַן עופעלע, אַ קינד...

פון טאַש אַרויס מיין עופעלע קוקט אויך אויף אייך — מה רעש? —
ס׳האָט אויך אַ טעשעלע, דערווייל — ס׳וועט שפּעטער זיין אַ טאַש...

און ווי ביי מיר, די טאַש וועט זיין ביי אים אַ וויגל אויך,
און ס׳וועט אין איר אַן עופעלע אויך טראָגן, אויפן בויך...

דאָס אייזל פון משיח

זינט ס׳האָט דאָס אייזל זיך דערוווּסט די גוטע נייעס,
אַז קומען וועט משיח גאָר אויף אים צו רייטן,
איז ער געוואָרן גרויסער יחסן איבער אַלע חיות
און גאָרנישט טאָן געוואָלט, געוואַרט בלויז אויף משיחס צייטן...
צום דישעל לאָזט ער זיך נישט שפּאַנען מער, ווי פריער.
אַ קליינִיקייט — די לעבעדיקע טראָן־שטול פון משיח!
ער לאָזט זיך מער נישט אָנטאָן אויפן האַלדז דעם כאָמעט,
גלייך ווי דאָס וואָלט זיין פּעל די כּשרע געמאַכט אים טמא.
און גרויס איז ער ביי זיך און וויל זיך גאָרנישט מישן
אין די עסקים פון די שטאַל־קאָלעגן, זיינע מיטבאַשעפּענישן.
וואָס, ער וועט שלעפּן, כ׳בעט אייך איבער, וואָגנס צואה?
אַ, נישט געטראָפן ס׳אָרט, איר זענט זיך, זייט־זשע מוחל, טועה.
ער לאָזט זיך מער נישט אָנשלאָגן קיין פּאַדקעוועס פון אייזן,
נישט אַנדערש, אָפּגילטן באַדאַרף מען אים, משיחס אייזל!
דער וועג צו דער גאולה, מיינט ער גאָר, איז אויסגעפּלאַסטערט
מיט גאָלד און זילבער, איידלשטיינער און אַלבאַסטער.
באַזונדער האַלט ער זיך און גייט נישט אויף דער פּאַשע,
אַ קנאַפּער עסער איז ער, אַ פּאַרזוכער בלויז, אַ נאַשער,
ער שמעקט נישט צו דער קאַריטע, איז גאָרנישט טועם,
אומזיסט־אומנישט דערלאַנגט מען ס׳בעסטע היי און שטרוי אים.

אַלץ שאַרט ער אין אַ זייט. וואָס, ער וועט עסן ס׳זעלבע
וואָס עס אכלען אָקסן, ציגן, פערד און קעלבער ? !
אַן איידל מעגעלע באַקומט ער גאָר אין גיכן
ווי נאָר ער ווערט געווויער אַז ער ברענגט משיחן.
— נישט אַנדערש — ווערן בייז אויף אים קאַלעגן — אַ שגעון !
ער טיילט זיך אָפּ, דער יחסן. נעמט פאַרפאַרט אים מיט די טלאָען !...
כאַטש גיטס אים יאַיכלעך גילדענע און מאַרצעפּאַנעס,
ווייל אַנדערש איז ער דאָך נישט צוגעווינט, דער שיינער תנא !...
מען שימפּט, מען הייבט די טלאָען, ס׳פאַלן קללות אָן אַ שיעור.
ער הערט נישט, האַלט די אויערן געגרייט צום שופר של משיח.
ווייל גאַרנישט גייט אים אָן און גאַרנישט האָט ער שוין אין זינען.
ער הערט נישט וואָס מען רעדט צו אים, מבטל איז ער יעדן ענין.
ער וואַרט און וואַרט. און מיטן וואַרטן בלויז איז ער פאַרנומען,
און אַלצדינג לייגט ער אָפּ אויף שפּעטער, ווען משיח וועט קומען...
דערווייל וויל ער נישט טאָן קיין פוס אין קאַלטן וואַסער,
שוין אָפּגערעדט פון אַרבעטן, פון פירן מינדסטע משא.
דעם רוקן שווינט ער אָפּ און לאָזט אים נישט באַרירן,
ווייל טאָמער וועט ער אויף אים דאַרפן אים, זאָל לעבן, פירן.
און עסן עסט ער נישט. עס פּאַסן אים דאָך נישט די גראָז־מאכלים —
ער איז מפרנס זיך מיט דעם בלויז, וואָס ער זעט אין חלום,
און דאַרט און קוואַרט, גייט־איין פאַר אַלע אין די אויגן —
ביז ס׳האָט דער אייזל־קאָפּ די קאַפּיטעס, במחילה, אויסגעצויגן...

דער העלפאַנט און די פילן

שלאָף געוואָרן איז, נישט דאָ געדאַכט פאַר קיינעמען, דער העלפאַנט.
רופט מען גלייך צו אים דעם רופא, אַז ער זאָל אים העלפן
גענעזן ווערן מיט אַ רפואה־שלימה.
קומט ער אָפּשטאַטן דעם העלפאַנט אַ באַזוך
מיט זיין שרעקנדיקן טאַש מכשירים די געהיימע,
וואָס ביים דערזען זיי גייט דעם חולה דורך אַ סקרוך
און הייבט נאָך מערער אָן זיך צו באַקלאָגן...
דער דאָקטער, ווי דער שטייגער, פרעגט זיך נאָך אויף אַלץ:
אויף דעם שלאָף, דעם שטולגאַנג, אַפּעטיט און אויפן מאָגן
און הייסט דערלאַנגען זיך אַ לעפעלע צום האַלדז.
דערנאָך פאַרשרייבט ער עפּעס וויכטיק, שנעל, געשיקט,
און מיט אַ כתב, וואָס איז אַזוי פּאַרציקט,
אַז ס'איז דעם העלפאַנט גאָר אוממעגלעך דאָס איבערצולעזן.
נאָר, מילא, טראַכט ער זיך, אַבי מען ווערט דערפון גענעזן;
אַבי ס'איז דער אַפּטייקער ווױלגעלערנט און באַהאַוונט,
וואָס איבערלעזן קען ער גאָר די שווערסטע כתבן.
הכלל, פאַרשריבן האָט דער דאָקטער אַ רעצעפּט:
פילן. איינגעמען אַ פיל צו יעדן מאָלצייט. זינט ער לעבט
האָט דער העלפאַנט נאָך פון אַזאַ מאכל נישט געהערט,
און לאָזט אַראָפּ אַ ברוגזער די טראָמבע ביז צו דרערד
ווען ער זעט, מען נעמט פון שקאַרמיץ און מען שטעקט אים אוים

אַ פיל, אַ פּיטשעמאַנטשיק, ווי אַן אַרבעסל די גרויס,
אים, אַ ריז, אַ העלפאַנט ווי אַ הויז, קיין עין־הרע,
וואָס איינשלינגען קען ער מיט איינמאָל אַן אַפּטייק!
מען מאַכט פון אים ס׳געגאַר, זעט אויס, אַ סברה;
נישט אַנדערש, נאָר מען וויל אים צו אַ מפיל־קינד פאַרגלייכן! —
גיט ער ראַפּטום און מיט כעס די טראָמבע אַ פאַרבייג
און אַ פאַרדריי אַרונטער, ווי אַ פראַגע־צייכן:
היתכן, פרעג איך, אַט־דאָס פּילעכל דאָס קליינע
קען מיך, אַ ריז, געזונט מאַכן און ברענגען צו די כוחות מיינע?!
כ׳בין נאָך נישט אַזאַ גרויסער נאַר ווי גרויס איך בין, איך זאָל דאָס מיינען!—
דערביי גיט ער די טראָמבע אַ פאַרוואָרף, ווי ביי אַ פערט אַ הויבער,
ווען ער שטרעקט זיך אויס נאָך לאַדונג, נאָך אַ קאַסטן, צי אַ קויבער,
און גיט אַ כאַפּ דעם גאַנצן שקאַרמיץ פילן און כהרף־עין —
ער שלינגט אים איין... נאָר ווי איז אים, ווי ווערט ער אים פאַרדייען?!
ער הוסט און קרעכצט זיך און דאָס הוסטעניש איז נישט צום צאַמען,
(איין פיל איז ביטער — נו, היינט הונדערט שטיק צוזאַמען!)
פאַר די אויגן נעמען רעדער גאָלדענע זיך דרייען, פליען, מיניען, —
כאַטש נעם און כאַפּ — נאָר, וויי, ווער האָט דען איצטער גאָלד אין זינען?...
דער דופק, גלייך ווי ס׳וואָלט אים ווער געיאָגט, אַשטייגער, איצטער,
נעמט איילן גיך, ווי אַ פאַרשפּעטיקטער צום באַן, אַ רויט־פאַרשוויצטער.
און פּלוצים ווערט דעם העלפאַנט פינצטער פאַר דער ראיה
און ס׳כאַפּט אים אָן אַ ברעכעניש און שוואַכקייט אין די קניען,
און וואַקלט זיך און בייגט זיך צו דער ערד, ווי בגילופין.

ערשט מ׳האָט געמוזט צו אים דעם טייערסטן פּראָפעסאָר רופן...

די הון אין מיסט

ווי דער שטייגער, גריבלט זיך די הון אין מיסט,
פאַרטיפט זיך, ווי דער קאָפּ־מענטש אין מחשבות,
נאָר זי, נישט קיין מחשבה זוכט זי — אָט די טירחה איז אומזיסט.
זי האַלט פון תוך־זאַכן און נישט פון קיין קאַטאָוועס;
ממשותדיקס, חיונה זוכט זי, עפּעס איבערקייען,
ווייל נישט לייכט איז איינשטילן דעם הונגער מיט אַ רעיון.
בקיצור, זי האַלט מער, ווי ס׳איז באַוווסט, פון קערנער,
דאָס, איז זי מודה, האָט זי גערנער.
מיט די פּיסעלעך גיט זי אַ שאַר אין מיסט אַהין־אַהער געשיקט,
להבדיל, ווי אַ טאַנץ אַ גאַר מאָדערנער,
און מאַכט אים קניקסן אַלערליי און חניפה־שטיק,
נאָר צו דעם האָט זי אַ טרייסט:
אויך מענטשן קען זי — הוילע רוחניות און גייסט,
וואָס לייגן זיך אין מיסט און אין טינופת,
אַבי פון דאָרט אַ פּרוטה נאָר אַרויסצושלעפּן.
היינט וואָס־זשע, מיינט זי, קען מען שוין פאַרלאַנגען און זיך טשעפּען
צו בידנע עופות?

ראובן

אָנהייב פרילינג. דאָס פּאָרפּאָלק, דער ראָב און ראָביכע, איז זיך געזעסן
אויף אַ צווייג, וואָס האָט זיך אָנגעגורט, שוין אָנגעברייט צום בליען.
נאָר וואָס גייט זיי אָן דער פרילינג, אַז קיין פּגר זעט מען נישט צום פרעסן.
האָט די ראָביכע זיך אָנגעזעצט, דעם ראָב גענומען טאַרען, ציען,
דראָענדיק אים מיטן שנאָבל, וואַרפנדיק אָן אייגל בייז און קאַסע:
— געדענק, אויב וועסט מיך נישט באַזאָרגן מיט פרנסה,
וועל איך דיר באַלד דאָ אויסטרענען אַ פליגל!

דער ראָב האָט נישט דערווידערט, נישט געהאַט האָט ער בדעה זיך צו קריגן
און איינגעמען האָט ער געזוכט די פּלוניתטע מיט גוטע רייד:
— וואָס קען מען טאָן, אַז שלום איז דערווייל, אַזאַ פּאַסקודנע צייט,
כאַטש לייג דעם שנאָבל אויף דער פּאָליצע און קראָ! — קראַפּיר!
נאָר נישט געזאָרגט, מיין טייערע, מיין ליכטיקע נשמה,
גאָט פאַרלאָזט נישט זיין באַשעפעניש; וועסט זען, ס׳וועט ווידער זיין מלחמה,
און מזל-ברכה זיין פאַר אונדז וועט אָן אַ שיעור.
עס וועט זיין טויט, קיין עין-הרע — נו, איז מאַכן וועלן מיר אויפסניי אַ לעבן,
וועסט לעבן, זאָג איך דיר, און לאַבן, ווי דו ווינטשסט זיך עס אַליין.
איי, וועסט זען, אַ שפע וועט דאָס זיין, ווען גאָט וועט געבן,
און פול וועט זיין דאָס פעלד מיט בלוט, געדערעם און געביין.

וועסט זען, וועסט זען...— — מיין ראַביכע, מיר דאַכט, ס'איז ווידער קריג!—
האָט גיך דער ראַב פּאַר שמחה אַזש זיך מיט דער צווייג צעוויגט,
און מיט די אויגן, ווי צוויי שוואַרצע קנעפּלעך פון אַ טויטן-בגד,
אין דער ווייט זיך איינקוקן געגומען גיריק, שאַרף און טיף,
און אַנגעשטעלט דעם שנאָבל האָט ער, ווי אַ קריגס-באַפעלער דעם שפּאַקטיוו—
—מיין ראַביכע, ס'איז קריג! אין פעלד דאָרט, פאַר דער קרייציקונג פון וועגן
כ'זע ליגן גופים שוין, די ערשטע צוויי פּגרים! לאָמיר ציען! —
און גיט די פליגל אַ פאַרשאַרץ, ווי שוואַרצע, אומהיימלעכע פּאַלעס.
די ראָבן גיבן זיך אַ לאָז (עס אָטעמט-אָפּ די צווייג, וואָס גרייט זיך בליען)...

אין פרילינגדיקן פעלד, פאַר עדות צוויי געשווירענע — טאָפּאָליעס,
געלעגן זענען טאַקע דאָרטן זיך צוויי גופים... —
דאָס איז געווען אַ ליבע-פּאָר, פון פרילינג-דופט און ליבע בגילופין
און מיט זון, ווי מיט אַ צודעק, אַ באַגילדעטן, פאַרדעקט.
פון זיסן דרימל האָבן די פאַרליבטע לייכט זיך קוים איבערגעוועקט
ווען די ראָבן האָבן מיט גערודער זיך דערנעענטערט צו זיי
און אַרומגעקרייזט די גופים זייערע מיט פליגל-פּאַטשן און געשריי.
דערשראָקן, איבערראַשט, דאָס ראָבן-פּאָר, שוין גרייטנדיק צו געבן
אַ לאָז אַריין-זיך אינעם בלוט פון אַ געראָטענער און פעטער שחיטה,
האָט גיך זיך אָפּגעטראָגן — ווייל צו ליבע, פרילינג און צום לעבן
האָבן ראָבן נישט קיין שליטה.

צווײ ביכער

עס שטײען ביכער אין דער שאַפע, נאָענטע שכנים.
און כאָטש זײ שטײען מיט די רוקנס אױסגעדרײט,
זײ זענען נישט, חלילה, ברוגז, נישט אױף מיר און נישט אױף קײנעם.
פאַרקערט, זײ האָבן ליב פון צײט צו צײט
אַ שמועס טאָן װעגן דעם און יענעם
און מיט ענינים זײערע מיך ברײט באַקענען.
אָט טרעטן צװײ אַרױס פון זײער רײ,
מיט אױפגעמאַכטע טאָװלען, הימל עפן זיך, מיט אַמפּערײ.
צװײ דיקע ביכער, יוסטע באַלעבאַטים, ברײטע,
מיט בלעטער־פּאַלעם װילד־צעפלױגענע, צעשפּרײטע,
צערודערטע, צעטראָגן און צעיאַכמעט
מחמת
זײ קומען מיט אַ װיכטיקער און גרױסער טענה:
דער אױסזען און הלבשה איז נישט גלײך בײ בײדן,
ס׳איז אײנער אָנגעטאָן אין גאָלד, אין סאַמעט און אין זײדן,
מיט בלעטער ציכטיקע, װי רײנע אונטערװעש גאָר פײנע,
דער צװײטער אין אַ פּראָסטער הילע, אַ צעפליקטער און געמײנער,
מיט אױסגעקנײטשטע בלעטער, מיט סימנים פון מאכלים.
היות זײ זענען שכנים, לעבן זײ נישט גאָר בשלום,
(בײ ביכער פּירט זיך אױך װי ס׳פּירט זיך אומעטום בײ לײטן),

און רק מען קריגט זיך און מען האקט זיך אַף די זייטן...
עס שטייט נישט אַן דעם שיינעם בוך, דעם אויסגעפּוצטן פּראַנט,
צו שטיין בשכנות מיטן אָפּגעפּליקטן, אָפּגעשליסענעם באַנאַנד,
מיט עפּעס אַ פּערזאָן, זאָגט ער, וואָס גייט פון האַנט צו האַנט...
באַקלאָגט מען זיך פאַר מיר און רק מ׳איז אומצופרידן,
נישט אַנדערש, איך זאָל זיין דער פּוסק און איך זאָל אַנטשיידן.
— שאַצט איר אַפּ, ווער ס׳האָט מער די ווערט, קוקט אַן מיין שיינעם אויסזען —
איז שטאָלץ דער פראַנט — ווי גאַנץ איך בין פון אינעווייניק און פון דרויסן,
און יונג און פריש, קיין קנייטשעלע, קיין שפּור פון זיקנה,
איך פּעכל, ווי אַמאָל מיט לאַנגע יאָרן גאָר צוריק נאָך,
און כבוד גיט מיר יעדער אַפּ, עס טשעפּעט מיך נישט קיינער,
מען רירט מיך נישט, ס׳טרעט אַפּ דעם וועג מיר יעדער איינער...

— כ׳בין מוחל אים דעם כבוד! — ענטפערט אַפּ ס׳צעפּליקטע בוך
און גיט דעם גרויסהאַלטער אַ באַך אין רוקן און אין זייטן אים אַ שטורך
און שפּאַרט זיך דורך פאָרויס — כ׳בין שטאָלץ מיט מיינע „שטעטער"!
אויב ס׳איז מיין הילוך אָפּגעשליסן, אויסגעקנייטשטע מיינע בלעטער,
באַווייזט דאָס, אַז מ׳האָט איבער מיר די שטערנס זיך געקנייטשט
און אַז מ׳האָט יאָרנלאַנג פון מיר געדרונגען און געטייטשט,
מען האָט ביי מיר געשאַרפט דעם מוח און געשליפן,
מ׳האָט חכמה פול געשעפּט פון מיר, ווי פון אַ קוואַל אַ טיפן,
און אויב איך בין איצט אָפּגעפּליקט און אָפּגעשליסן
און אויב עס איז מיין רוקן אויסגעריבן,

און אויב ס'איז נישט פון מיר קיין גאַנצע זייט געבליבן,
זאָלט איר דעריבער טאַקע וויסן:
דאָס איז געוואָרן דינענדיק דעם שכל, דעם פאַרשטאַנד,
מיט איין וואָרט, בקיצור — ווייל מען נעמט מיך אין דער האַנט.
און ער, דער שיינער תנא באַרטיק, אויב ער איז אַ גאַנצער לייט
איז דאָס ווייל קיינער רירט זיך גאָרנישט צו צו אים די גאַנצע צייט.

די צדדים שטייען-צו און פאָדערן דורכאויסיק,
אַז איך זאָל זיין אין זייער שטרייט דער פוסק,
נאָר ווען מען אין דעם אַמפּערניש דעם גרויסן
כ'וועל פסקענען גערעכט — איז לייכט זיך אָנצושטויסן.

אן אייגענער טאָן...

בײַ אַ טויער שטייט אַ מאַן,
שטייט אַ מאַן — אַן אָרעמאַן,
גאָר מאָדנע טענער שפּילט ער אויס
אויף גאָר אַ מאָדנעם אינסטרומענט.
צו זאָגן וואָס דאָס איז אַזוינס
איז נישט בכוח מײַן טאַלענט.
איך זע אַ קאָכלעפל, אַ ברעטל, שטריק און דראָט,
(די כלי האָט דער מאַן אַליין געמאַכט),
נאָר ווי צו אָנרופן די זאַך
דאָס ווייס איך נישט, דאָס ווייסט איין גאָט.
און טענער גיט די זאַך אַרויס:
חצי זשאַבע, חצי מויז,
חצי סאָווע, חצי גריל...

כ'פאַרהאַלט זיך לעבן אָט־דעם מאַן אַ ווײַלע,
כ'גיי נישט ווײַטער.
— דו קענסט זיך זאָגן וואָס דו ווילסט —
רופט זיך אָן צו מיר מײַן חבר, מײַן באַגלייטער —
וואָס דאָס איז פאַר אַ שפּילן, פאַר אַ כלי,
לאָמיר וועגן דעם אַצינד נישט דאַגהן

און אויך נישט אז עס איז אונדז די סימפּאַניע נישט באַוווסט,
נאָר מסכים זיין וועסטו מיט מיר געוויס
אַז דער טאָן איז אייגן...

יאָ, יאָ, כ׳בין מסכים אַז דער טאָן איז אייגן...
נישט וויכטיק אָבער, מיין איך, איז דאָס אייגנס
ווי דאָס, מיין פריינט, וואָס ס׳איז אַזוינס דאָס אייגנס...

העַר סקעפּטיקמאַן

העַר סקעפּטיקמאַן איז עפּעס גאָרנישט היינט מיט אַלעם,
עֶר מאַכט אויף אַלץ אַ זויערע גרימאַסע,
ס'גיט עפּעס היינט אַ נישט־געשמאַקער ריח אַ באַפעל אים
צו וואָס ער רירט זיך צו. דאָס געלט פון קאַסע,
וואָס שמעקן שמעקט עס שטענדיק אַ מחיה,
האָט עפּעס אַ נישט־הימלעכן גערוך,
דאָס זעלבע אויך די צייטונג ווו ער זוכט
דעם קורס אויף גאָלד און לעצטע בערזע־נייעס.
פון פרישטיק, וואָס עס האָט די באַנע ערשט געברענגט,
אויך שפּירט זיך עפּעס, נאָר ער ווייסט נישט וואָס.
אפילו אויף די בלומען אויך פאַרדרייט ער מיט דער נאָז,
די בלומען וואָס עס האָט אים די קאַסירשע היינט געשענקט,
און אויך פון דער קאַסירשע זעלבסט, אים דאַכט זיך אויס
(כאָטש פאַרן מויל ער ברענגט דאָס נישט אַרויס),
דער זעלבער ריח, וואָלט ער שווערן, טראָגט זיך...
וואָס דאַרף מען מער: העַר סקעפּטיקמאַן איז חושד און באַקלאָגט זיך
אפילו אויף די טייערסטע פאַרפומען,
מיט וואָס ער שפּריצט און גיסט אויף אַלע זאַכן אויס,
אַז אויך זיי זענען מיטן שלעכטן ריח דורכגענומען...

ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס רעטעניש וואָלט זיך פאַרצויגן
ווען נישט די באַנע וואָס ביים פוצן דעם פאַרקעט, אַראָפּגעבויגן,
דערזעען האָט הער סקעפּטיקמאַנס אַן איינגעריכטן שוך...
און דעם בעל־דבר איז געוואָרן קלאָר, באַוווּסט:
ער איז אין גאָס אַריין אין צואה מיט אַ פוס —
לויט אים האָט זיך פון אַלץ געטראָגן דער נישט־היימלעכער גערוך...

הער סקעפּטיקמאַן, וואָס פאַרן ביישפּיל כ׳נעם,
איז נישט אַליין. כ׳קען אַנדערע וואָס שטעקן אין דער צואה
און ווייסן נישט דערפון; ס׳איז זייער פּנים פינצטער, זויער
פון וועלט־שמערץ אָן אַ שיעור, און לויט דעם
וואָס אויפן האַרצן ליגט ביי זיי (ווי אויפן שוך)
האָט אַזאַ טעם ביי זיי די וועלט, אַזאַ גערוך...

דער זייגער און די צייט

עס פירן צווישן זיך גאַנץ אָפּט אַ שטרייט
דער זייגער און די צייט.
דער זייגער האַלט, הגם ער איז אַן אָנגעשטעלטע כלי,
אַז ער איז בילכער, וויכטיקער — במילא
האָט ער די פּאַרהאַנט און די בכורה איבער איר —
דער צייט, וואָס איז, נישט דאָ געדאַכט, נישט־מיר, נישט־דיר,
פון יעטוועדער ממשות אויסגעטאָן און אויסער זיין און ווערן;
נישט, לא עלינו, אָנצורירן זי, נישט אָנצוטאַפּן,
און נישט צו זעען זי און נישט צו הערן,
און קיין שום חכם ווייסט נישט ווי אַזוי זי אָנצוכאַפּן.
נאָך אַ מערכה ער, דער קלוגער מעכאַניזם,
וואָס ביז אים
איז זי, די צייט, געווען בלויז ווילדעניש און אָן שום מינדסטן סדר
און מ׳האָט לגמרי נישט געוווסט ווי שפּעט ס׳איז, איידער
ער, דער זייגער, איז אַרויסגעפּאָרן צו דער צייט
אויף זיינע רעדער, ווי אַ קאָטש אַ טריאומפאַלע, ברייט,
און גלייך גענומען פּינקטלעך און גענוי צו מעסטן און צו וועגן
די שעהן, די מינוטן און די רגעס,
און אַלצדינג מיט אַ סדר איינגעשטעלט,
עס זאָלן מענטשן וויסן ווו זיי האַלטן אין דער וועלט.

די צייט איז רואיק און געלאַסן — זי האָט צייט.
זי לאָזט אַרויסזאָגן דעם זייגער זיך אײַנגאַנצן,
(פון איבערשלאָגן עזותדיק איז זי גאַנץ ווייט),
זי ווייסט צו שעצן זײַנע שרײַפעלעך, וואָס גלאַנצן,
און אויך זײַן גלאַנצפולע קאַריערע, כּשר זיך פאַרדינט,
נישט מיט די עלנבויגנס האָט ער זיך צו איר געשטויסן,
(וואָס־וואָס, נאָר ער געהערט נישט, מוז זי צוגעבן, צו יענעם מין)
זי קען אים פאַר אַן ערלעכן, וואָס האָרעוועט כּסדר —
אָן אָפּרו טאָג און נאַכט — מיט זײַנע בעבעכעס און אינגעווייַדן...
דאָקעגן האַלט זי גאָרנישט פון זײַן האַלטן זיך אין גרויסן
און פון זיך מאַכן וויכטיקער פון איר.
ס'איז וואָר, זי שעצט זײַן אַרבעט און זײַן מיאונג,
ווײַל וויסן דאַרפסטו — טענהט זי צו אים — מײַן שײַנער אוצר,
די מענטשן ביסטו נויטיק אַדאַנק מיר,
און אַז דו ביסט פון מיר דער פּועל יוצא.
דו מעסטט די שעהן — יאָ, פון דײַן זײַט איז דאָס טאַקע פײַן,
נאָר ווען איך זאָל נישט זײַן
— וואָלסטו דאָך נישט געהאַט אײַנגאַנצן וואָס צו מעסטן —
דאָס פאַרגעסטו...

דער שכל פון פערד

דו פרעגסט, מיין פריינט, צי מיר איז אויך באוווסט
די מאָדנע טבע, וואָס עס ווייזט אַרויס אַ סוס,
אַ טבע וואָס דו קענסט זי נישט באַגרייפן,
און נעמלעך: בעת אַ שׂרפה,
ווען ס'ברענט אַ גאַס פון אַלע זייטן, הויז נאָך הויז,
און ווען ער זעט אפילו שוין באַשיינפּערלעך ווי ס'ברענט זיין שטאַל
— גיי, קען דאָן דעם שגעון וואָס עס גיט אים אַ באַפאַל —
ער וויל נישט פון דער ברענענדיקער שטאַל אַרויס.
דו וועסט נישט בשום אופן רירן אים פון אָרט,
אפילו נישט פאַרנאַרן אים מיט היי פון בעסטן סאָרט.
ער שטייט פאַרעקשנט (ווי עס קען אַ סוס)
און גיט נישט מיט קיין אויג אַ פינטל, רירט נישט מיט קיין פוס.
אַ רחמנות דאָן, באמת, אויף דער גרויסער, שטומער חיה,
וואָס קוקט פאַרגלאָזיקט־שטאַר און גלייכגילטיק צום פייער,
און שטייט ווי צוגעשמידט צום באָדן, איינגעשפּאַרט, פאַרשטיינט,
גלייך ווי עס וואָלטן גאָר די פלאַמען אים לגמרי נישט געמיינט...

מיין פריינט, איך האָב נישט איינמאָל שוין געטראַכט און נישט געקענט
דערגרונטעווען זיך און דערגיין צום שכל פון אַ פערד.
זעט אויס, אַז לויטן מענטשן־שכל איז גאָר אַלץ ביי אים פאַרקערט:

ווען ס׳לויפט אַ מענטש פון פייער, בלייבט עס אויפן אָרט ווו ס׳ברענט.
נו, גיי פאַרשטיי!... און כ׳ענטפער זיך: דערויף איז דאָס אַ פערד...

איך קען אָבער געוויסע מענטשן אויך, מיין פריינט,
וואָס זענען גאָרנישט ווייט פון יענעם פערד און פון זיין שכל, ווי מיר שיינט,
ווייל ווען זיי זעען שוין בפירוש אונטערצינדן זייער הויז און זייער גאַס,
זיי שטייען גלייכגילטיק מיט אויגן פון נישט־היגע, שטאַר, פאַרשטיינט.
אַ רחמנות מיר אויף יענעם מענטש, כאָטש, דוכט זיך, אַ בר־דעת,
וואָס טראָגט נישט אויפן האַלדז קיין כאָמעט און קיין טאָרבע;
וואָס לויפט נישט אום אויף אַלע פיר און קייעט נישט קיין האָבער,
אָבער —
דאָך וויל ער, ווי יענער סוס, פאַרבלייבן אינעם פלאַם דער קרבן...

דער וואָלף און דאָס לעמעלע

געשריבן האָט דער וואָלף צום לעמעלע בזה הלשון:
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג היינט".
האָט דאָס לעמעלע מיט גרויס צופרידנקייט דאָס בריוועלע געלייענט,
געטראַכט: דער כעס האָט זיך ביים וואָלף שוין איינגעלאָשן,
נישט אַנדערש נאָר ס'איז שוין משיחס צייטן.
און ס'איז די פרייד פון לעמעלע געוועזן אין לשער,
האָט עס דערפאַר
די איינלאַדונג פון וואָלף אָן קווענקלעניש אָנגענומען,
געפּוצט זיך און געפּעדערט, זיך גענומען גרייטן,
געלאָזט זיך מער די לעקעלעך ביים שערער אָנדולירן,
געהייסן זיך באַשפּריצן מיט די טייערסטע פּאַרפומען
און נישט פאַרגעסן אויפן וועג צו קויפן בלומען.
הכלל, געפירט זיך אַרטיק, ווי מען דאַרף זיך פירן
ביי לייטן און ווי ס'פּאַסט.

— ווילקאָמען, ליבער גאַסט!
ווי גליקלעך און צופרידן בין איך פון דיין קומען! —
האָט דער וואָלף דאָס לעמעלע גאָר פריינטלעך אויפגענומען —
נאָר כ'בעט דיך, שטופּ מיר נישט קיין בלומען צו די ציין,

דו ווייסט אַליין
אַז דאָס איז נישט פאַר מיר קיין מאכל,
כ׳האַלט, וואָס אַן אמת, מער, מיין ליבער גאַסט, פון בשר,
איך קאָן דיר שווערן, אסור,
אויב ס׳האָט שוין עמעצער מיט בלומען ווען פאַרבראַקט אַ יאיכל...
ווי גוט, מיין טייערס, האָסטו צו מיר אַצינד אַריינגעטראָפן!
מיין אַפּעטיט איז גלענצנדיק און פיין!...
נאָר הער, צו וואָס־זשע דאַרף איך דאָ מיט הינטערוועגן גיין,
כ׳האָב ליב צו זיין גאָר אויפריכטיק און אָפן,
אַן לאַנגע שהיות, הער, מיין טייער קינד,
דו קענסט שוין זאָגן ווידוי און זיך אָפּגעזעגענען געשווינד...

— וואָס הייסט? —
האָט שטיל ביים לעמעלע די שטים געציטערט אין געוויין —
דו האָסט דאָך מיר געשריבן שוואַרץ אויף ווייס,
אַז דו לאַדסט מיך איין אויף מיטאָג, נאַ, נאַ, זע אַליין.
דערפאַר טאַקע האָב איך צו דיר זיך אויסגעקליבן.

— ס׳איז אמת, טייערס, איך האָב דיר געשריבן
און טאַקע אייגנהענטיק, שוואַרץ אויף ווייס:
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג״. איך האָב נישט געמיינט,
חלילה, דיר צו זאָגן ליגן, צי אַ שפּאַס.
„איך לאַד דיך איין צו מיר אויף מיטאָג היינט״ — דאָס הייסט
אַז דו וועסט זיין מיין מיטאָג און צוגלייך מיין גאַסט.

מיין טייערס, איך האָב ליב צו זאָגן אָפן וואָס איך מיין —
און ס'האָט דער וואָלף דעם לעמעלע געוויזן זיינע ציין...

די לעצטע שורה און דער נמשל, מיינע ליבע קינדער, זענען,
אַז אויף דער שפּראַך פון פיינט באַדאַרף מען זיך צו קענען.

אינהאלט

אומקער אין פוילן

1. אין וועג 6
2. גרענעצן 12
3. א רעגנבויגן איבער גרענעצן 14
4. איך פאר דורך נירענבערג 16
5. א טאנק ביי נירענבערג 18
6. א גערמאנישער העלם 20
7. דייטשער פייזאזש 21
8. דעם ערשטן בוים פון היימלאנד 23
9. אויף היימישע וועגן 26
10. ערגעץ ביי א שיידוועג 28
11. פאר די בגדים פון מאידאנעק 30
12. די שטיינער פון ווארשעווער געטא 32
13. אויף מיין גאס 34
14. איך טו א געשריי 36
15. דאס מיידל פון דער דזשיקע גאס 38
16. אין ווארשע ביי א חורבה 41
17. אין מיין היימשטאט 43
18. א הויז אין בויען 45
19. רויטארמייאישע בית־עולמס ביי דער אדער 47
20. אויף מיין טיש ליגט א שטיין 50

אין צוואנציקסטן יארהונדערט

צוויי חברים 57

צום צוואנציקסטן יארהונדערט 63

א טרער אין ים 67

חצות־באלאדע 71

אויפן וועג קיין בית־לחם 73
צו די קוילנגרעבער 75
ביים ברעג פון ים 79
די שטים פון ביינער־טאָל 82
די צינד־פלאַש פון וואַרשעווער געטאָ 85

פאַרשטויבטע כתב־ידן

מיין מאַמע ביי די שבת־ליכט 91
א פרימאָרגן אין דער היים 93
א נייער קאַלענדאַר 95
ווי ליב ס'האָבן קינדער דעם ליכטיקן שניי 97
דערוואַרטונג 99
נאָך האַלבער נאַכט 101
שמולעוויזנער געסלעך 103
אין יאָר 1920 105
די לוויה פון וולאַדיסלאַוו קאַזאַק 107
מיין פאָטאָגראַפיע 110
דער מאַמעס וואַנדערונג 115

קינד־און־קייט

1. ביי מינטשעס וויגעלע 137
2. ס'איז פרילינג דאָ 140
3. רויך 143
4. טרערן 145
5. וואַרשטאַטן צעוויגטע 147
6. צו סטעפקען אהיים 149
7. אויף היימישע שאָסייען 152
8. ביים פענצטער 155
9. אינדרויסן 159
10. די שאַנק 162
11. עקסמיסיע 166
12. פראָסט 169

13. נאך האלבער נאכט 172
14. דער ערשטער שניי 178
15. ווער קלאפט דאס אזוי שפעט ביינאכט 194
16. זייט געזעגנט! 199

צווישן פיר ווענט

די טענה פון אדם צו חוהן 105
די פרוי אין וואַל 207
צו אַ מיידל פון ישראל 208
דיינע אויגן 210
אַ זומער־רעגן 211
מיר זענען געגאנגען 213
אזויפיל גאסן האָט די שטאָט 215
אַפּפּאַר 217
אַ ווייטער פּייף 219
צייט 220
מיט דיר 221
דו שמייכלסט ווידער 223

אַ מענטש צווישן חיות

צווישן חיות 227
די שטרוים 229
די קאנגור 230
דער העלפאנט און די פּילן 233
די הון אין מיסט 235
ראָבן 236
צוויי ביכער 238
אַן אייגענער טאָן 241
הער סקעפּטיקמאַן 243
דער זייגער און די צייט 245
דער שכל פון פערד 247
דער וואָלף און דאס לעמעלע 249